вознагради́ть *сов.*, **вознаграждáть** *несов.* *(вин.)* באַלוי־נען; אָפּצאָלן (דאַט.) ; ~ *кого-л.* за услу́ги אָפּצאָלן עמעצן פאַר צודינען [פאַר באַדינונג, פאַרן סערוויס]

вознаграждéние *с* ‖ באַלוינונג; дéнежное ~ געלטיקע באַלוינונג, ‖ געלט־באַלוינונג; за небольшóе ~ פאַר גאָר א קלייניקער באַלוינונג, ניט טײַער

возненави́деть *сов.* ־(טאַק) פּײַנט באַקומען* [פּײַנט קריגן*] (לעס סינע)

возникáть *несов. см.* возни́кнуть

возникновéние *с* ח אופקום, ‖ אנטשטייונג

возни́к||нуть *сов.* *אופקומען, *אנטשטיין; ~ли затрудне́ния ס'זײַנען אופגעקומען שוועריקייטן; у меня́ ~ла мысль ס'איז מיר אײַן אופגעקומען א געדאַנק (אין קאָפּ) א געדאַנק

вознúца *м* = ח אָנטרײַבער, ח ־ס קוטשער, ח פורמאַן ־עס

возня́ *ж разг.* 1. *(детей)* ז טומלעניש; *(шорох и т. п.)* ז רודערניש; 2. *(хлопоты)* ז פּאָרעניש, ז וואָזגעניש, קלאָ־פּאָט ח; 3. *неодобр.* אינטריגעס מצ., היזנטערפּיסלעך מצ.

возобнови́ть *сов.* באַנײַען; ~ договóр באַנײַען דעם אָפּמאַך; ~ отношéния באַנײַען [אופשטעלן] די באַציונגען; ~ рабóту ווידער אָנהייבן* אַרבעטן; *(о человеке тж.)* ווידער צוטרעטן* צו דער אַרבעט; ~ борьбу́ ווידער פירן דעם קאַמף; ~ся *сов.* *באַנײַט ווערן; *(об отношениях тж.)* *אופגעשטעלט ווערן; *(о занятиях и т. п.)* ווידער אָנהייבן* זיך

возобнов||лéние *с* ‖ באַנײַונג, ז באַנײַען; *(отношений тж.)* ז אופשטעלן; ~ля́ть(ся) *несов. см.* возобнови́ть(ся)

возомни́||ть *сов.*: он ~л о себé ער איז געוואָרן צו ער האַלט פון זיך שטאַרק [אוילעם אומלויע, גרויס בא זיך [*уст.*

возраж||áть *несов.* דערווידערן; ~áть прóтив *чего-л.* דערווידערן קעגן עפּעס; не ~áю איך, איך דערווידער ניט; éсли вы не ~áете אויב איר האָט גאָר־ניט קעגן, האָב גאָרניט קעגן

возражéние *с* ־ען ‖ דערווידערונג

возрази́ть *сов.* 1. *см.* возражáть; 2. *(ответить)* (אָפּ)־ענטפערן

вóзраст *м* ־ס ח עלטער; предéльный ~ דער מאַקסי־מאַלער עלטער; одногó ~а פון איין עלטער; ◇ на ~е אין איבערוואַקסן* א געוויסן; вы́йти из *какого-л.* ~а די יאָרן עלטער

возрастáние *с* ז שטײַגן, ז וואַקסן, ח וווּקס; *(усиление)* דאָס פאַרשטאַרקן זיך

возрастáть *несов.* *שטײַגן, *וואַקסן; *(о ценах тж.)* *העכער ווערן; *(о количестве)* פאַרגרעסערן זיך; *(усиливаться)* פאַרשטאַרקן זיך

возрасти́ *сов.* *שטײַגן, *אויסוואַקסן; *см.* возрастáть

возрастн||óй עלטער־; ~ы́е изменéния עלטער־ענדע־רונגען מצ.

возроди́ть *сов.* ווידערופשטעלן, ווידער אופבויען; ~ к жи́зни *кого-л.* אַרײַנבלאָזן* א נײַע אומקערן צום לעבן עמעצן נעשאָמע אין; ~ся *сов.* אופלעבן (ווידער), אופ־ווי אפסנײַ געבוירן ווערן*, געריכט ווערן*

возрождáть(ся) *см.* возроди́ть(ся)

возрождéние *с* ח ווידערגעבורט, ‖ ווידערופלעבונג, ‖ אופריכטונג

Возрождéние *с* ח רענעסאַנס

вóзчик *м* ־עס ח פורמאַן

возымéть *сов.*: ~ желáние באַקומען* [קריגן*] כײשעק; ◇ ~ дéйствие [א פּועל] א ווירקונג [א פּועל ווירקן, האָבן*

вóин *м* (מצ. קריגסלײַט) ח קריגסמאַן, = ח קריגער

вóинский מיליטערישער; *(подобающий воину)* פון א קריגסמאַן *после сущ.*; ~ пóезд א מיליטערישער צוג; ~ долг דער כויוו פון א קריגסמאַן; ~ устáв דער מיליטע־רישער סטאַטוט

вои́нственн||ый אגרעסיווער, קריגערישער; *неодобр. тж.* מיליטאַריסטישער; *перен.* קעמפערישער, קאַמפלוסטיקער; ~ые племенá קריגערישע שוואָטים; ~ые плáны אגרע־סיווע [מיליטאַריסטישע] פּלענער; ~ый вид א קאַמפ־לוסטיק אויסזען; ~ая осáнка א קעמפערישער שטעל

вою́ющий קעמפערישער; ~ материали́зм קעמפערי־שער מאַטעריאַליזם

вой *м* ז געהײַל, ז געוואָי

вóйл||ок *м* ח פילץ, ח פוישט; ~очный פילצענער, פוישטענער

войнá *ж* ־ס ‖ מילכאָמע, ח קריג; *(способ ведения войны)* ח קריג; мировáя ~ ־ס ‖ וועלט־מילכאָמע; Вели́кая Отéчественная ~ די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע; граждáнская ~ ח בירגערקריג; áтомная ~ אַטאָמישער קריג

войскá *мн.* *(ед.* вóйско *с)* ז מיליטער, מיליטער־טיילן מצ.; ~ свя́зи ז פאַרבינדונגס־מיליטער; инженéрные ~ אינזשעניערישע מיליטער־טיילן

войсков||о́й מיליטער, מיליטעריש; ~а́я часть מילי-טער־טייל ־ן מ; ~ы́е соедине́ния מיליטעריש פאראייני קונגען מצ., מיליטער־פאראייניקונגען

войти́ *сов.* 1. *ארײַנ|קומען, *ארײַנ|גיין; ~ в ко́мнату ארײַנקומען* [ארײַנגיין*, ארײַן] אין צימער וויידי́те! קומט ארײַן!; кора́бль вошёл в га́вань די שיף איז ארײַן אין האפן; 2. *(включиться)* *ארײַנ|גיין; ~ в соста́в прави́тельства ארײַנ|גיין* אין באשטאַנד פון דער רעגירונג; э́ти расска́зы вошли́ в тре́тий том די דערציילונגען זײַנען ארײַן אין דריטן באנד; 3. *(вместиться)* *ארײַנ|גיין; все ве́щи в чемода́н не войду́т אלע זאכן וועלן אין טשעמאָדאַן ניט ארײַנ(גיין); 4. *(вникнуть)* *ארײַנדרינגען; ~ в суть де́ла ארײַנדרינגען* אין טאָך פונעם איניען [פון דער זאך]; 5.: ~ с предложе́нием אָנגעבן* א פאָר־שלאָג; ◇ ~ в мо́ду ווערן* א, ארײַן אין דער מאָדע; ~ в чьё-л. положе́ние ארײַנגיין* אין עמעצנס לאגע, מאָדע; ~ в ארײַנגיין* אין עמעצנס לאגע, נעמען* אין באטראכט עמעצנס לאגע; ~ в погово́рку [в посло́вицу] ווערן* א גלײַכוווערטל; ~ в привы́чку ווערן* א געוווינהייט; ~ в си́лу 1) [קרעפטיק] שטארק ווערן*; 2) *(о законе и т. п.)* גילטיק ווערן*

вока́льный וואָקאַלער

вокза́л *м* וואָקזאַל מ ־ן; речно́й ~ טײַך־וואָקזאַל מ ־ן

вокру́г 1. *нареч.* ארום (און ארום); всё ~ цветёт ארום (און ארום) בליט אלץ; 2. *предлог с род. п.* ארום; Земля́ враща́ется ~ Со́лнца די ערד דרייט זיך [באוועגט זיך] ארום דער זון; ◇ ходи́ть ~ да о́коло גיין* ארום [זיך] ארום און ארום, קאָרעק אפן זיך דרייען

вол *м* אָקס מ ־ן; ◇ рабо́тать как ~ הארעווען* ווי אן אייזל

вола́н *м* וואָלאַן מ ־ען ‖ ־ס, שליארע

волды́рь *м* *(пузырь)* פוכיר מ ־ן; *(шишка)* בײַל מ, ‖ גוליע ‖ ־ס, ־ן

волев||о́й 1. ווילנס; *после сущ.:* ~о́е напряже́ние ווילן פונעם אָנשטרענג מ, ווילנס־אָנשטרענג פונעם; 2. *(с твёрдой волей)* ווילנהאפטיקער, -אנטשלאָ ווילן; סענער מיט א שטארקן ווילן; *после сущ.:* ~о́й команди́р אן ענערגיש קאָמאנדיר; ~о́е лицо́ א ווילנהאפטיקער געזיכט; 3. *неодобр.* וואָלונטאריסטישער, ווילקירלעכער

волейбо́л *м* וואָלייבאָל מ; ~и́ст *м* וואָלייבאָליסט מ ־ן; ~и́стка *ж* וואָלייבאָליסטקע ‖ ־ס

во́лей-нево́лей *нареч.* ווילנדיק ניט־ווילנדיק

волк *м* וואָלף מ (מצ. וועלף); ◇ морско́й ~ יאַם־בער מ ־ן, יאַם־מאַן א; ~ в ове́чьей шку́ре א געניטער יאַם־מאַן א וואָלף אין א שעפּסענעם פעלץ; ~о́в боя́ться — в лес не ходи́ть ווער עס וואגט ניט, דער האָט ניט; с ~а́ми жить — по-во́лчьи выть אז מע לעבט צווישן וועלף, מוז מען הוילן ווי א וואָלף

волкода́в *м* וואָלפהונט מ (מצ. ··הינט)

волна́ *ж* 1. *прям. и перен.* כוואַליע ‖ ־ס, ‖ וועל ־ן *поэт.;* морски́е во́лны יאַם־כוואַליעס מצ.; ~ проте́ста פּראָטעסט־כוואַליע ‖ ־ס; 2. *физ.* כוואַליע ‖ ־ס, וועל ‖ ־ן

волне́ни||е *с* 1. *(движение волн)* דאָס כוואַליען זיך; на мо́ре си́льное ~е דער יאַם כוואַליעט זיך שטארק; 2. *(нервное возбуждение)* אופרעגונג ‖; от ~я у него́ дрожа́л го́лос מאַכמעס אופרעגונג האָט בא אים געציטערט דאָס קול; мы не могли́ слу́шать его́ без ~я מיר האָבן ניט געקענט אויסהערן אָן רעגונג אים שטים; די

3. *мн.* *(недово́льство)* אופרודערונג ‖, אופרעגונג ‖, אומרוען מצ.

волни́стый כוואַליעדיקער; כוואַלי(עדי)קער, כוואַליענאַרטיקער; *(о рельефе)* געשלענגלטער; *(о линии)* געכוואַליעטער; *(о волосах)* געקרײַזלטער

волнова́ть *несов.* 1. *(вызывать волны)* כוואַליען, -אופ; 2. *(беспокоить)* באַאומרויקן, אופרעגן, באַאומרויקן; ~ся *несов.* 1. *(о море и т. п.)* כוואַליען זיך; 2. *(беспокоиться)* זײַן* אופגערעגט, אופרעגן זיך, באַאומרויקן זיך; не волну́йтесь זײַט רויק, האָט ניט קיין יסורים; она́ о́чень волну́ется זי איז שטארק אומרויק

волноло́м *м* כוואַליען־ברעכער מ ־ס

волнообра́зный כוואַליענאַרטיקער

волноре́з *м* כוואַליען־שפּאַלטער מ ־ס

волну́ющий רעגנדיקער; *(трогательный)* רירנדיקער

воло́в||ий אָקסן; ~ья шку́ра אָקסנפעל ‖

волоки́та[1] *ж* *(канцелярская)* אָפּשלעפּ-, פאַרשלעפּעניש ‖ פעניש ‖

волоки́та[2] *м уст. разг.* =מ פרויען־יעגער, -ווײַבער־לאַוועלאַס מ ־ן, ניק מ ־עס

волокни́стый פאַזערדיקער

волокно́ *с* (פאַדעם (מצ. פעדעם) מ ־ס ‖ פיברע ‖; шта́пельное ~ *собир.* שטאַפּעל־פּיב-, שטאַפּעל־פעדעם מצ.; не́рвные воло́кна נערוון־פּיב-, נערוון־פעדעם מצ. רעס מצ.; רעס מצ.

во́лос *м* =‖ האָר; ко́нский ~ *собир.* פערדהאָר, מצ. פערד־סטרונעס מצ.; ◇ ни на́ ~ אַף קיין האָר ניט; ~а́тый באַוואָקסענער, האָריקער, באַהאָרטער; *(косматый)* פאַטלאַטע(ר) *тж. неизм.;* ~о́к *м* 1. הערעלע ־עך, ־עך ‖; הערעלע ‖ ־עך; 2. *(пружина часов)* שפּרינגפעדער ‖ ־ן; ־ס ‖ פּרושינע ‖, האָר ‖ *разг.;* *(в электрической лампочке)* גליפאָדעם מ (מצ. ··פעדעם); ◇ он был на ~о́к от сме́рти ס'האָט געפעלט א האָר, ס'זאָל זײַן נאָך אים; висе́ть [держа́ться] на ~ке́ הענגען* אַף א האָר; ~яно́й האָר; ~яно́й покро́в האָרבאַדעק מ ־ן; ~яно́й матра́ц האָר־מאַטראַץ מ ־ן

волочи́ть *несов.* 1. *(тащить)* שלעפּן; 2. *тех.* *(проволоку)* *ציִען; ◇ он е́ле [едва́] воло́чит но́ги 1) *(идёт медленно)* [רירט זיך] קוים וואָס ער שלעפּט זיך; 2) *(слаб)* קוים וואָס ער האלט זיך אַף די פיס; ~ся *несов.* 1. שלעפּן זיך; 2. *(медленно идти)* *קריכן; 3. *уст. разг.* *(за женщиной)* נאָכשלעפּן, ארומפּאַדקעווען [ארומטאַנצן] (ארום) (נאָך) זיך

волча́нка *ж мед.* לופוס מ, הויט־טובערקוליאָז מ

во́лч||ий וואָלפישער, וועלפישער; *(из меха волка)* -וועל-פענער; ~ья ста́я א סטײַע [א טײַטשקע] וועלף; ◇ ~ий аппети́т אן אַפּעטיט פון א וואָלף, א וואָלפישער אַפּעטיט; ~ьи я́годы וואָלפישע יאַגעדעס

волчи́ца *ж* וואָלפיכע ‖ ־ס

волч||о́к *м* 1. *(игрушка)* ברומדריידל ‖ ־עך; 2. *физ.* גיראָסקאָפּ מ ־ן; при́нцип ~ка דריידל־פּרינציפּ מ

волчо́нок *м* וועלפעלע ‖ ־ך

волше́бн||ик *м* =מ קישעפמאַכער; מכאַשעף מ (מצ. מכאַשפים) *уст.;* ~ица *ж* קישעפמאַכערן ‖ ־ס, -מע-כאַשייפע ‖ ־ס; ~ый 1. קישעף, צויבער; ~ая па́лочка ווינטש־שטעקעלע ‖ ־ך, קישעף־שטעקעלע ‖ ־ך; ~ая ска́зка ווונדער־מייסעלע ‖ ־ך; ~ое ца́рство צויבערלאַנד ‖ (מצ. ··לענדער); 2. *(чарующий)* -(בא)

צױבערנדיקער, צױבערלעכער; ◇ ~ый фона́рь צױבערלאָמפּ m ־ן, צױבער־לאַמטערן m ־ס

волшебств||о́ *с* 1. קישעף m; как по ~у́ װי דורך [מיט] א קישעף; 2. (*очарование*) צױבער m, צױבער־קראַפט ll

волы́нк||а *ж* 1. זאַקפּײַפל I ־עך; 2. *разг.* פאַרשלעפּעניש I; тяну́ть ~у פאַרציִען* (אין דער לאַנגער באַנק אַרײַן), ציִען*, אָפּשלעפּן

вольéр *м* װאָליער m ־ן

во́льничать *несов. разг.* פירן זיך העפקערדיק [אײגנװיליק], פּראַװען העפקײרעס

во́льно 1. *нареч.* פרײַ; װי ס׳געפעלט; 2. (*команда*): ~! פרײַ!, װאָלנע!

вольноду́м||ец *м уст.* = פרײַדענקער m

вольнолюби́вый פרײַהײט־ליבנדיקער, פרײַהײט־דורשטיקער

вольномы́слие *с* פרײַדענקערײַ ll

вольнонаёмный פרײַגעדונגענער

вольнослу́шатель *м* פרײַער צוהערער

во́льност||ь *ж* 1. *уст.* (*свобода*) פרײַהײט ll; 2. (*фамильярность*) פרײַשאַפט ll; позволя́ть себе́ ~и פילן זיך צו פרײַ, דערלױבן זיך צופיל; 3. (*отступление от общих правил*) פרײַקײט ll; поэти́ческая ~ь פּאָעטישע פרײַקײט

во́льн||ый 1. פרײַער, זעלבשטענדיקער; 2. *тк. кратк. ф.*: он во́лен уе́хать, когда́ захо́чет ער קאָן אַװעקפאָרן װען ער װעט װעלן; 3. (*фамильярный*) צו פרײַער; ~ое поведе́ние א צו פרײַע אױפירונג; ◇ ~ые движе́ния *спорт.* פרײַע באַװעגונגען; ~ый перево́д א פרײַע איבערזעצונג; ~ая пти́ца א פרײַער פױגל

вольт *м эл.* װאָלט m ־ן (*с колич. словами мн.* װאָלט)

вольтме́тр *м эл.* װאָלטמעטער m ־ס

во́льтов: ~а дуга́ *эл.* װאָלטאַס בױגן

вольфрам *м* װאָלפראַם m

волюнтари́зм *м* װאָליונטאַריזם m

во́л||я *ж* 1. װילן m; си́ла ~и װילנסקראַפט ll; исполнить *чью-л.* ~ю אױספילן עמעצנס װילן; по своéй до́брой ~е מיטן גוטן װילן (אײגענעם); не по своéй ~е ניט מיטן אײגענעם װילן, באַלקאַרכע; 2. (*власть, право*): в ва́шей ~е подписа́ть или не подписа́ть э́тот докумéнт די ברײרע איז בײַ אײַך — יאָ אונטערשרײַבן צי ניט אונטערשרײַבן אָט דעם דאָקומענט; 3. (*свобода*) פרײַ ll; вы́пустить *кого-л.* на ~ю אַרױסלאָזן* עמעצן אױף דער פרײַ; ◇ дава́ть ~ю *кому-л.* געבן* עמעצן די פרײַ; дава́ть ~ю לאָזן* עמעצן טאָן װאָס ער װיל; дава́ть ~ю воображе́нию אָפּלאָזן* [לאָזן* פרײַ] די פאַנטאַזיע; дава́ть ~ю рука́м אָנהײבן* שלאָגן (זיך), לאָזן* אין גאַנג די הענט; рука́м ~и не давáй! נאָר ניט מיט די הענט!, אָן הענט!; дава́ть ~ю слеза́м צעװײנען זיך מיט ביטערע טרערן; ~я ва́ша װי איר װילט אײַך; после́дняя ~я דער לעצטער װילן, צװאָע ll

вон[1] *нареч. разг.* 1. (*прочь*) *отдельным словом не переводится*: вы́гнать *кого-л.* ~ אַרױסיאָגן* עמעצן; вы́йти ~ אַפּטראָגן* זיך, נעמען* דעם װעג; 2. *в знач. межд.*: ~ (отсю́да)! אַרױס פונדאַנעט!, פאַרנעם זיך!, טראָג זיך אָפּ!; ◇ из рук ~ пло́хо ביז גאָר שלעכט (אַזױ אַז) ערגער קען שױן ניט זײַן; (совсéм) из ума́ ~ אינגאַנצן פאַרגעסן, אַרױס פונעם קאָפּ

вон[2] *частица разг.* אָט; ~ там אָט דאָרט; ~ он идёт אָט גײט ער; ~ какóй אָט א װעלכער; ◇ ~ (онó) что! אַזױ גאָר!, אַזאַ מײַסע!

вонза́ть(ся) *несов. см.* вонзи́ть(ся)

вонзи́ть *сов.* אַרײַנזעצן, אַרײַנשטעכן*; ~ся *сов.* אַרײַנשטעכן* זיך, אײַנשטעכן* זיך

вон||ь *ж разг.* שטאַנק I, געשטאַנק m, איפּעש m, אָװער m; ~ю́чий *разг.* שטינקענדיקער, איפּעשדיקער, אָװערדיקער

воня́ть *несов. разг.* שטינקען*, שלעכט הערן זיך

вообража́ем||ый קלומערשטער, אױסגעטראַכטער, געדאַכטער; ~ая ли́ния א געדאַכטע [אימאַזשינערע] ליניע

вообража́ть *несов. см.* вообрази́ть; ◇ ~ о себе́ שטאַרק האַלטן* פון זיך [צופיל]

воображе́ни||е *с* 1. דאַכטונג ll, פאָרשטעלונג ll; פאַנטאַזיע ll; си́ла ~я פאָרשטעלונגס־קראַפט ll, קױעך־האַדמיען m; 2. *разг.* (*домысел*) פאַנטאַזיע ll, אײַנרײדעניש I; э́то однó ~е! דאָס איז הױלע פאַנטאַזיע!

вообрази́||ть *сов.* 1. פאָרשטעלן זיך; 2. (*ошибочно предположить*) אױספאַנטאַזירן; он ~л, что умнée всех ער מײנט, אַז ער איז קליגער פאַר אַלעמען; ◇ ~те! װי שטעלט אײַך [זיך] פאָר!, געפעלט עס אײַך?!

вообщé *нареч.* 1. ביכלאַל; (*в общем тж.*) אין אַלגעמײן; он ~ не люби́л болтуно́в ער האָט ביכלאַל ניט ליב געהאַט קײן פּלאַפּלער; мы говори́ли о литерату́ре ~ и о драматурги́и в ча́стности מיר האָבן געשמועסט װעגן ליטעראַטור ביכלאַל און װעגן דראַמאַטורגיע ביפראַט; 2. (*совсем*) ביכלאַל, אינגאַנצן; э́тих книг он ~ не чита́л די ביכער האָט ער אינגאַנצן [ביכלאַל] ניט געלײענט; ◇ ~ говоря́ אין אַלגעמײן גענומען [גערעדט], אין אַלגעמײן

воодушев||и́ть *сов.* באַגײַסטערן; דערמוטיקן; ~и́ть на по́двиги דערמוטיקן [צוגעבן* מוט] צו [אױף] העלדנטאַטן; успéх ~и́л их דער דערפאָלג האָט זײ באַגײַסטערט; ~и́ться *сов.* באַגײַסטערט װערן*, אױפגעמונטערט װערן*; ~и́ться *чьим-л.* примéром אױפגעמונטערט װערן* פון עמעצנס בײַשפּיל; он насто́лько ~и́лся, что... ער איז אַזױ אַרײַן אין היספּײַלעס, אַז...; ~лéние *с* באַגײַסטערונג ll, ענטוזיאַזם m; (*душевный подъём*) היספּײַלעס I; говори́ть с ~лéнием רעדן* מיט באַגײַסטערונג

воодушевля́ть(ся) *несов. см.* воодушеви́ть(ся)

вооружа́ть(ся) *несов. см.* вооружи́ть(ся)

вооружéни||е *с* 1. (*действие*) באַװאָפענונג ll, באַװאָפענען I; 2. (*оружие*) באַװאָפענונג ll, װאָפן m, I; сокращéние ~й פאַרקירצונג פון באַװאָפענונגס־מיטלען; принима́ть *что-л.* на ~е *прям. и перен.* אַרײַננעמען* אין (אײגענעם) אַרסענאַל

вооружённ||ый באַװאָפנטער; ~ое восста́ние באַװאָפנטער אױפשטאַנד; ◇ ~ые си́лы די באַװאָפנטע קרעפטן (פון לאַנד)

вооружи́ть *сов.* 1. *прям. и перен.* באַװאָפענען; ~ а́рмию באַװאָפענען די אַרמײ; ~ зна́ниями *кого-л.* באַװאָפענען עמעצן מיט קענטענישן; ~ промы́шленность новéйшей тéхникой באַװאָפענען [באַשטאַטן] די אינדוסטריע מיט דער נײַסטער טעכניק; 2. (про́тив *род.*; *восстановить*) אױפהעצן (קעגן); ~ся *прям. и перен.* באַװאָפענען זיך; ◇ ~ся терпéнием אָננעמען* זיך מיט געדולד

воо́чию *нареч.* באַשײַמפּערלעך, מיט די אײגענע אױגן

во-пéрвых *вводн. сл.* ערשטנס; רײשיס *уст.*

вопи́ть *несов. разг.* גוואַלדעווען, מאַכן קוילעס, ליאַרעמען; *(плакать)* יאָמערן

вопию́щ||ий (הימל)שרײַענדיקער; ~ая несправедли́вость אַ (הימל)שרײַענדיק אומרעכט

воплоти́ть *сов.* פֿאַרקערפּערן; ◇ ~ в жизнь פֿאַרווירקלעכן, רעאַליזירן; ~ в себе́ פֿאַרקערפּערן אין זיך, *זײַן די פֿאַרקערפּערונג (פֿון); ~ся *сов.* *פֿאַרקערפּערט ווערן; ◇ ~ся в жизнь *פֿאַרווירקלעכט [רעאַליזירט] ווערן

воплоща́ть(ся) *см.* воплоти́ть(ся)

воплоще́ние *с* ‖ פֿאַרקערפּערונג; она́ ~ красоты́ זי איז די שיינקייט אַליין, זי איז די פֿאַרקערפּערטע שיינקייט; найти́ своё ~ в *чём-л.* *פֿאַרקערפּערט ווערן אין עפּעס

воплощённ||ый פֿאַרקערפּערטער; э́та де́вушка — ~ая скро́мность דאָס (דאָזיקע) מיידל איז די פֿאַרקערפּערטע באַשיידנקייט [די באַשיידנקייט אַליין]

вопль *м* I גוואַלדגעשריי; I ווייגעשריי; *(плач)* מ יאָמער

вопреки́ *предлог с дат. п.* קעגן, טראָץ; ניט געקוקט אויף; ~ реше́нию טראָץ דעם באַשלוס, ניט געקוקט אויפֿן באַשלוס; ~ ожида́ниям טראָץ [קעגן] די דערוואַרטונגען; ~ здра́вому смы́слу קעגן סײַכל־האַיאָשער, קעגן (געזונטן) פֿאַרשטאַנד

вопро́с *м* 1. ס־ ‖ פֿראַגע; задава́ть ~ы *פֿאַרגעבן פֿראַגעס; פֿרעגן קאַשעס *шутл.*; отвеча́ю на ваш ~ איך ענטפֿער אויף אײַער פֿראַגע; 2. *(проблема)* ...ן ‖ פֿראַגע; *(дело тж.)* איניען (מצ. איניאָנים); ~ы исто́рии פֿראַגן פֿון געשיכטע; ~ы госуда́рственной ва́жности איניאָנים פֿון מלוכישן באַדײַט; э́то для меня́ ~ че́сти דאָס איז פֿאַר מיר אַ פֿראַגע [אַ זאַך] פֿון ערע, ס'גייט(מיר) דאָ אין מײַן ערע; э́то ~ вре́мени ס'איז אַ פֿראַגע פֿון צײַט; ◇ под (больши́м) ~ом אונטער אַ (גרויסן) ספֿק, אין אַ (גרויסן) סאָפֿעק; ста́вить *что-л.* под ~ שטעלן עפּעס אונטער אַ סאָפֿעק [אונטער אַ פֿרעגצייכן]; ~ жи́зни и́ли сме́рти אַ פֿראַגע פֿון לעבן אָדער טויט, אַ לעבנספֿראַגע

вопроси́тельн||ый פֿרעגנדיקער, פֿרעג־; ~ый взгляд אַ פֿרעגנדיקער בליק; ~ая интона́ция ‖ פֿרעג־אינטאָנאַציע; ◇ ~ый знак ס־ מ פֿרעגצייכן; ~ое предложе́ние *грам.* ן־ מ פֿרעגזאַץ; ~ое местоиме́ние *грам.* ען־ מ פֿרעגפּראָנאָם

вопро́сник *м* ס־ ‖ פֿראַגן־ליסטע; *(анкета)* פֿרעגבויגן ס־ מ

вор *м* (מצ. גנאַווים) מ גאַנעוו; карма́нный ~ קעשענע־גאַנעוו מ (מצ. ...גנאַווים); קעשעניק מ ־עס *разг.*

ворва́ться *сов.* *אַרײַנרײַסן זיך

вори́шка *м* ן־ מ גאַנעפֿעץ

воркова́||нье *с* I וואָרקען; ~ть *несов.* 1. וואָרקען; 2. *перен.* האָלובען זיך

воркотня́ *ж разг.* I בורטשעניש; *(брюзжание тж.)* I וואָרטשעניש

вороб||е́й *м* ען־ מ שפּערלינג, ־עך I שפּערל; וואָראָבײ ען־ מ *разг.*; ◇ стре́ляный ~ ≅ אַ געשלאָגענער הונט, אַ גערויכערטע ליולקע

воробьи́н||ый שפּערל־, שפּערלעך־; ~ое чири́канье ‖ שפּערלעך־צוויטשערײַ, אַ צוויטשערן פֿון שפּערלעך

воро́ванный געגנאַוועטער

ворова́т||ый 1. לײַכטפֿינגערדיקער; וואָס האָט לעפֿקע פֿינגער *после сущ.*; ~ый взгляд שעלמישער בליק; 2. *(опасливый)* גנייווישער; ~ой похо́дкой שטיל ווי אַ גאַנעוו, מיט גנייווישע טריט

ворова́ть *несов.* *גאַנווענען

воро́в||ка *ж* ס־ ‖ גאַנעווטע; ~ски́ *нареч. разг.* גנייוויש; ווי אַ גאַנעוו; ~ско́й גאַנאָווים־; ~ска́я ша́йка אַ כאַפּטע גאַנאָווים, גאַנאָווים־כאַפּטע ס־ ‖; ◇ ~ско́й язы́к, жарго́н ‖ גאַנאָווים־שפּראַך, I הענטשקע־לאָשן; ~ство́ *с* ‖ ג(ע)נייווע; ◇ литерату́рное ~ство́ מ פּלאַגיאַט

ворожея́ *ж* ס־ ‖ טרעפֿערן

ворожи́ть *несов.* *טרעפֿן

во́рон *м* ן־ מ ראָב

воро́н||а *ж* 1. ען־ ‖ קראָ; ס־ ‖ וואָראָנע *разг.*; 2. *разг.* *(рассеянный человек)* ס־ מ גאָפֿע, אַ צעטראָגענער מאַלעך; ◇ счита́ть ~ כאַפּן פֿליגן; ~а в павли́ньих пе́рьях אַ קראָ אין פּאַווע־פֿעדערן

воронён||ый: ~ая сталь *тех.* ברונירטער [אָקסידירטער] שטאָל

воро́н||ий קראָען־; ~ье гнездо́ ן־ ‖ קראָען־נעסט

воро́нка *ж* 1. *(для наливания)* ס־ ‖ לייקע; 2. *(от взрыва)* ‖ גרוב (מצ. גריבער)

вороно́й *(о лошади)* 1. שוואַרצער; קאַרע(ר) *тж. неизм.*; 2. *в знач. сущ.* *м* = מ קאַרע, דאָס קאַרע פֿערד

во́рот[1] *м* *(воротник)* קאָלנער מ (מצ. ־ס, קעלנער)

во́рот[2] *м* *тех.* ווינדע ‖ ־ס, הייבראָד ‖ (מצ. ...רעדער)

воро́т||а *мн.* 1. ן־ מ טויער; у ~ לעבן דעם טויער; *перен.* בײַ די טויערן; в ~ах אין טויער־, אונטערן טויער; טויער־דורכגאַנג; 2. *спорт.* ן־ מ טויער; заби́ть мяч в ~а *פֿאַרשלאָגן דעם באָל אינעם טויער אַרײַן

вороти́ла *м* *разг.* = מ דרייער; = מ מאַכער

вороти́ть *сов. разг.* (צוריק) אומקערן; сде́ланного не воро́тишь *погов.* אָפּגעטאָן — איז פֿאַרפֿאַלן: צוריק וועסטו ניט כאַפּן; ~ся *сов. разг.* אומקערן זיך, (זיך) צוריקקערן

воротни́к *м* קאָלנער מ (מצ. ־ס, קעלנער); קראַגן ס־ מ *уст.*

воротничо́к *м* ־עך I קעלנערל

во́рох *м* ‖ קופּע, מ הויפֿן; це́лый ~ новосте́й אַ פֿולער פּאַק מיט נײַעס

воро́чать *несов.* 1. *(вин.; сдвигать)* איבערוקן, רוקן; 2. *(вин., тв.; перевёртывать)* *איבערוואַרפֿן, איבערקערן; 3. *перен.* *(тв.; управлять)* (מיט) *זײַן אָנפֿירן; דער גאַנצער [דער איינציקער] באַלעבאָס (איבער); ~ дела́ми פֿירן די (גרויסע) געשעפֿטן; ~ся *несов. разг.* קערן זיך פֿון איין זײַט, דרייען זיך; *(в постели)* ניט אײַנרוען, ניט קענען* אײַנשלאָפֿן, זיך אַ דער אַנדערער

вороши́ть *несов.* איבערשאַרן; ~ се́но איבערשאַרן דאָס היי

ворс *м* ‖ וואָרסע, ‖ באַרווע; מצ. האָר

ворси́нка *ж* ־ך I הערעלע, ־ך I האָרעלע

ворси́стый האָריקער

ворча́ние *с* I בורטשעניש, I בורטשען; *(брюзжание тж.)* I וואָרטשעניש

ворча́ть *несов.* 1. בורטשען; *(брюзжать тж.)* וואָרטשען; 2. *(о собаке)* קנורען

ворчли́вый וואָרטשענדיקער; ~ стари́к אַן אַלטער וואָרטשון

ворчу́н *м. разг.* ־עס מ וואָרטשון; ~ья *ж разг.* וואָרטשערן ‖ ־ס

восвоя́си *нареч. разг.*: он пошёл ~ ער איז אוועק פֿונוואַנען ער איז געקומען

восемнадцатиле́тний אַכצנייעריקער, אַכצניאָריקער; *(о возрасте тж.)* פֿון אַכצן יאָר *после сущ.*

восемна́дца||тый אַכצנטער, אַכצעטער; ~**ть** אַכצן

во́семь אַכט; ~ с полови́ной נײַנטהאַלבן, אַכט מיט אַ האַלבן; в ~ часо́в אַכט אַזייגער

во́семьдесят אַכציק

восемьсо́т אַכט הונדערט

во́семью *нареч.* אַכט מאָל

воск *м* ם וואַקס; ◇ го́рный ~ ם ערד־, בארגוואַקס וואַקס ם

воскли́кнуть *сов.* אויסשרײַען*, אויסרופֿן*

восклица́ние *с* ן־ ם אויסגעשריי, ען־ ם אויסרוף

восклица́тельн||ый אויסרופֿ־; ◇ ~**ый** знак אויסרופֿ־צייכן ם ־ס; ~**ое** предложе́ние *грам.* ן־ ם אויסרופֿזאַץ

восклица́ть *несов. см.* воскли́кнуть

воско́вка *ж* ו וואַקספּאַפּיר

восков||о́й וואַקס־, וועקסענער; *перен.* וואַקסקאַליריקער, וואַקסבלייכער; ~**а́я** свеча́ וואַקס ליכט פֿון א; ~**о́е** лицо́ א וואַקסבלייך געזיכט; ◇ ~**а́я** спе́лость [зре́лость] וואַקס־ רײַפֿקײַט וו

воскреса́ть *несов. см.* воскре́снуть

воскресе́ние *с* ו ווידערופֿלעבן; *(из мёртвых)* טכיעס־ ם ־האַמייסים

воскресе́нь||е *с* ן־ ם זונטיק; в про́шлое ~**е** פֿאַראַכטאָגן (דעם) פֿאַריקן זונטיק, זונטיק; в бу́дущее ~**е** איבעראַכ־ (דעם) קומענדיקן זונטיק, טאָג זונטיק; в ~**е** ве́чером זונטיק אַפּדערנאַכט; по ~**ям** אַלע זונטיק, יעדן זונ־ טיק

воскреси́ть *сов.* **1.** אויפֿלעבן, אומקערן צום לעבן; ~ из мёртвых מעכײַע־מייסים זײַן*, מאַכן פֿון טויט לעבעדיק; **2.:** ~ в па́мяти אויפֿלעבן [אויפֿשטעלן] אין זיקאָרן

воскре́сник *м* ־עס ם זונטיקניק

воскре́снуть *сов.* **1.** אויפֿשטיין* טכיעס־האַמייסים ווערן*, פֿון טויט לעבעדיק; **2.** *(о чувствах и т. п.)* ווידער אויפֿ־ לעבן [אויפֿקומען*, אויפֿשווימען*]

воскре́сн||ый זונטיקדיקער; ~**ый** день ן־ ם זונטיק; ~**ый** о́тдых ם (זונטיקדיקער אָפּרו(־טאָג; по ~**ым** дням אין די זונטיקדיקע טעג

воскреша́ть *несов. см.* воскреси́ть

воспале́ние *с мед.* ען־ וו אָנצינדונג; ~ лёгких לונגען־ אָנצינדונג־; ~ по́чек וו נירן־אָנצינדונג, ם נעפֿריט וו

воспалённый **1.** *(покрасневший)* רויט געוואָרענער; **2.** *(разгорячённый)* פֿײַערדיקער, צעהיצטער

воспали́тельный: ~ проце́сс *мед.* ם אָנצינדונגס־פּראָצעס

воспали́ться *сов.*, **воспаля́ться** *несов.* רויט ווערן*; *(припухнуть)* צוגעשוואָלן ווערן*

воспева́ть *несов.*, **воспе́ть** *сов. высок.* באַזינגען*

воспита́ние *с* **1.** *(действие)* וו דערציִונג, ו דערציִען; коммунисти́ческое ~ קאָמוניסטישע דערציִונג; ~ патрио́тизма דאָס אײַנפֿלאַנצן פּאַטריאָטיזם; **2.** *(воспитанность)* וו דערציִונג; хоро́шее ~ א גוטע° דערציִונג

воспи́танн||ик *м* ען־ ם דערציִגלינג; *(в семье тж.)* ם ־עס וויכאָוואַנעק *разг.*; ~**ица** *ж* ען־ ם דערציִגלינג; *(в семье тж.)* ס־ וו וויכאָוואַנקע *разг.*

воспи́танн||ость *ж* וו (וווּיל)דערציִגנקײַט; ~**ый** (וווּיל)־ דערציִגענער

воспита́тель *м* = ם דערציִער; ~**ница** *ж* דערציִערן ס־ וו; ~**ный** דערציִונגס־; דערציִערישער; ~**ная** рабо́та וו דערציִונגס־אַרבעט; ~**ное** значе́ние די דערציִערישע ווערט

воспита́ть *сов.* **1.** *דערציִען; **2.** *(привить)* אײַנפֿלאַנצן; ~ чу́вство патриоти́зма אײַנפֿלאַנצן פּאַטריאָטיזם; ~**ся** *сов.* *דערצויגן ווערן

воспи́тывать(ся) *несов. см.* воспита́ть(ся)

воспламен||е́ние *с* **1.** וו אויפֿלאַמונג, וו אויפֿלאַקערונג; **2.** *(зажигание)* ו אָנצינדן; ~**и́ть** *сов. прям. и перен.* *אָנצינדן; ~**и́ться** *сов.* **1.** אויפֿלאַמען, אויפֿלאַקערן; **2.** *(тв.; увлечься)*: он ~**и́лся** мы́слью... ס׳האָט אין אים אויפֿגע־ פֿלאַמט א געדאַנק...; ~**я́емый** אויפֿלאַמעוודיקער, אויפֿלאַמי־ קער; ~**я́ть(ся)** *несов. см.* воспламени́ть(ся)

воспо́лнить *сов.*, **восполня́ть** *несов.* *(пробелы)* פֿאַרפֿילן; *(урон)* קאָמפּענסירן; *מעמאַלע זײַן *уст.*

воспо́льзоваться *сов.* *(тв.)* **1.** *(употребить в свою пользу)* אויסניצן; ~ слу́чаем אויסניצן די געלעגנהײַט; **2.** *(употребить для какой-л. цели)* באַניצן זיך (מיט); ~ велосипе́дом באַניצן זיך מיטן וועלאָסיפּעד

воспомина́ние *с* **1.** ען־ וו דערמאָנונג, ען־ וו דערינערונג; **2.** *мн.* *(мемуары)* מצ. זיכרוינעס, מצ. דערינערונגען

воспрепя́тствовать *сов.* *(дат.)* שטערן, *ניט דערלאָזן

воспрети́ть *сов.*, **воспреща́ть** *несов.* פֿאַרווערן, פֿאַר־ באָטן*

воспреща́||ться *несов.* *פֿאַרבאָטן זײַן; кури́ть ~**ется**! רייכערן איז פֿאַרבאָטן!

восприи́мчив||ость *ж* *(способность легко усваивать)* וו אויפֿנעמפֿעיִקײַט, וו טפֿיסע; *(к болезням)* וו געניײגטקײַט; *(к впечатлениям)* וו שפּירעוודיקײַט, וו פֿילעוודיקײַט; ~**ый** *(способный легко усваивать)* אויפֿנעמפֿעיִקער; *(к болезням)* געניײגטער; *(к впечатлениям)* שפּירעוודיקער, פֿילעוודיקער; у него́ ~**ый** ум ער האָט א גוטע° טפֿיסע, ער איז א באַל־טפֿיסע

восприни́ма́ть *несов.*, **восприня́ть** *сов.* *אויפֿנעמען; *(относиться тж.)* באַטראַכטן; ~ *что-л.* как оскорбле́ние אויפֿנעמען* [באַטראַכטן] עפּעס ווי א באַליידיקונג

восприя́тие *с* ם באַנעם, וו אויפֿפֿאַסונג

воспроизвести́ *сов.*, **воспроизводи́ть** *несов.* **1.** *(воссоздать, повторить)* ווידערופֿשטעלן; פֿײַנקטלעך איבערגעבן*; ~ карти́ну ווידערופֿשטעלן דאָס בילד; **2.** *эк.* רעפּראָדו־ צירן

воспроизво́дство *с эк.* וו רעפּראָדוצירונג; расши́ренное ~ פֿאַרברייטערטע רעפּראָדוצירונג

воспроти́виться *сов.* אַרויסטרעטן* קעגן, זיך קעגנשטעלן

воспря́ну||ть *сов.*: он ~**л** ду́хом ער האָט אויפֿגעלעבט; ווי מ׳האָט אין אים אַרײַנגעזעצט א נײַע נשאָמע

воссоедин||е́ние *с* וו ווידערפֿאַרייניקונג; ~**и́ть** *сов.* ווידער פֿאַרייניקן; ~**и́ться** *сов.* ווידער פֿאַרייניקן זיך; ~**я́ть(ся)** *несов. см.* воссоедини́ть(ся)

воссоздава́ть *несов.*, **воссозда́ть** *сов.* ווידערופֿשטעלן; ~ в па́мяти אויפֿשטעלן אין זיקאָרן

восстава́ть *несов. см.* восста́ть

восстана́вливать(ся) *несов. см.* восстанови́ть(ся)

восста́ние *с* ן־ ם אויפֿשטאַנד

восстанови́тельн||ый: ~**ый** пери́од ם אויפֿשטעל־פּעריאָד; ~**ые** рабо́ты מצ. אויפֿשטעל־אַרבעטן

восстанови́ть *сов.* **1.** ווידערופֿשטעלן; ~ промы́шленность ווידערופֿשטעלן [ווידער אויפֿבויען] די אינדוסטריע; ~ здоро́вье אומקערן [אויפֿשטעלן] דאָס געזונט; ~ *что-л.* в па́мяти אָפּפֿרישן [אויפֿשטעלן] עפּעס אין זיקאָרן; ~ *кого-л.* в права́х אומקערן עמעצן [אויפֿשטעלן עמעצן אין]

זײַנע רעכט; ~ кого-л. в до́лжности אומקערן [אופשטעלן] עמעצן אַף זײַן* שטעלע [אין אַמט]; ~ дипломати́ческие отноше́ния באַנײַען [אופשטעלן] די דיפּלאָמאַטישע באַציונגען; 2. (про́тив род.; вражде́бно настро́ить) אופרייצן [*אופּבּרענגען] (קעגן); он всех восстанови́л про́тив себя́ ער האָט אַלעמען אופגעבראַכט קעגן זיך; ~ся сов. ווידערופ-געשטעלט ווערן*; (об отношениях тж.) באַנײַט ווערן*

восстановле́ние *с* װ ווידערופשטעלונג; (*отноше́ний*) װ באַנײַונג

восста́ть *сов.* 1. אופשטיין*; ~ с ору́жием в рука́х אופשטיין* מיט געווער אין האַנט, אופהייבן* א באַ-וואָפּנטן אופשטאַנד; 2. (про́тив *род.; воспроти́виться*) אַרויסטרעטן* [קעגנשטעלן זיך] (קעגן)

восто́к *м* 1. (*страна́ све́та*) מ מיזרעך, װ מיזרעך-זײַט; к ~у מיזרעך-צו; на ~ אַף מיזרעך; на ~е (אַף) מיזרעך-זײַט; 2. (В.) (*восто́чные стра́ны*) מ מיזרעך; Да́льний ~ דער ווײַטער מיזרעך; Бли́жний ~ דער נאָענטער מיזרעך; Сре́дний ~ דער מיטעלער מיזרעך

востокове́д *м* = מ מיזרעך-קענער, מ ־ן אָריענטאַליסט; **~ение** *с* װ מיזרעך-קענטעניש, װ אָריענטאַליסטיק

восто́рг *м* װ אַנציקונג, ז היספּײַלעס; приводи́ть в ~ אַרײַנברענגען* אין אַנציקונג [היספּײַלעס], אַנציקן; быть в ~е от *чего-л.* זײַן* אַנציקט פֿון עפּעס; приходи́ть в ~ אַרײַנ|פֿאַלן* אין אַנציקונג [אין היספּײַלעס], אַנציקט ווערן*; с ~ом מיט אַנציקונג

восторга́ть *несов.* (*вин.*) אַרויסרופֿן* אַנציקונג, אַנציקן (באַ), אַרײַנברענגען* אין אַנציקונג [אין היספּײַלעס]; **~ся** *несов.* (*тв.*) זײַן* אַנציקט (פֿון)

восто́рженн||ость *ж* 1. (*состояние*) װ אַנציקטקײַט, אַנ-ציקונג װ; 2. (*склонность восторгаться*) װ באַגײַסטערטקײַט, װ עקזאַלטירטקײַט; **~ый** באַגײַסטערטער; (*склонный восторгаться тж.*) עקזאַלטירטער; (*исполненный восторга*) היספּײַלעסדיקער; ~ый приём א היספּײַלעסדיקער אופ-נאַם [קאַבאָלעס-פּנים]; ~ая нату́ра אַן עקזאַלטירטע [א באַגײַסטערטע] נאַטור; ~ый взгляд אַן אַנציקטער בליק

восторжествова́||ть *сов.* זיגן; (над *тв.*) נעמען* די איבערהאַנט (איבער); справедли́вость ~ла די גערעכטי-קײַט האָט געזיגט [האָט גענומען די איבערהאַנט]

восто́чнее ווײַטער מיזרעך-צו

восто́чн||ый 1. מיזרעך-, מיזרעכדיקער; ~ый ве́тер א מיזרעכדיקער ווינט, מ ־ן מיזרעך-ווינט; ~ые обы́чаи מינהאָגים פֿון די מיזרעכדיקע פֿעלקער [פֿון די מיזרעך-פֿעלקער]; Восто́чная Евро́па װ מיזרעך-אייראָפּע; 2. (*обращённый к востоку*) מיזרעך-זײַטיקער; ~ый склон מיזרעך-זײַטיקער באַרגנייג

востре́бовани||е *с*: до ~я פּאָסט, צום אַרויספֿאָדערן רעסטאַנט

востро́ *нареч.*: держа́ть у́хо ~ זײַן* אָנ-געהיט, זײַן* אַף דער וואַך, געשפּיצט

восхваля́ть *несов.* לויבן און רימען

восхити́тельный וווּנדערשיינער, אַנציקנדיקער; (*о вкусе, запахе*) מעכײַעדיקער

восхити́ть *сов.* אַרײַנברענגען* אין אַנציקונג, אַנציקן; **~ся** *сов.* (*тв.*) אַנציקט ווערן* (פֿון)

восхища́ть *несов. см.* восхити́ть; **~ся** *несов.* (*тв.*) זײַן* אַנציקט (פֿון)

восхище́н||ие *с* װ אַנציקונג; в ~ии от *чего-л.* אַנציקט פֿון עפּעס

восхо́д *м* 1. מ אופגאַנג; ~ со́лнца מ זון-אופגאַנג; 2. (*восхождение на гору*) מ אַרופשטײַג

восходи́ть *несов.* 1. *см.* взойти́; 2. (к *дат.; иметь своим началом*) שטאַמען (נאָך) (פֿון); э́ти обы́чаи восхо́дят к глубо́кой дре́вности אָט די מינהאָגים שטאַמען נאָך פֿון טיפֿן אוראַלט

восходя́щ||ий (אופ)שטײַגנדיקער; ◇ ~ая звезда́ אַן אופגייענדיקער שטערן

восхожде́ние *с* (*на гору и т. п.*) מ אַרופשטײַג, אַרופ-שטײַגן ז

восьмёрка *ж* 1. (*цифра*) װ אַכט; 2. (*карта*) אַכטל ־עך ז; 3. (*фигура в виде цифры «8»*) װ ־ן אַכט, אַכט-פֿיגור װ ־ן

во́сьмеро אַכט, אַכט אירע [פּאַרשוין]; нас бы́ло ~ מיר זײַנען געווען אַכט אירע [אַכט פּאַרשוין]

восьмигра́нн||ик *м* מ ־ס אַקטאַעדער, מ אַכטווענטלער ־ס; **~ый** אַכטווענטלדיקער

восьмидесятиле́тний אַכציקיאָריקער, אַכציקיעריקער; (*о возрасте тж.*) פֿון אַכציק יאָר *после сущ.*; ~ стари́к א זאָקן א בען-שמוינים, אַן אַכציקיאָריקער זאָקן

восьмидеся́т||ый אַכציקסטער; ~ая страни́ца דאָס אַכ-ציקסטע זײַטל; ~ые го́ды די אַכציקער יאָרן

восьмикла́ссн||ик *м* מ ־עס אַכטקלאַסניק, א שילער פֿו-נעם אַכטן קלאַס; **~ица** *ж* װ ־ס אַכטקלאַסניצע, א שי-לערן פֿונעם אַכטן קלאַס

восьмиле́тний אַכטיאָריקער, אַכטיעריקער; (*о возрасте тж.*) פֿון אַכט יאָר *после сущ.*

восьмисо́тый אַכטהונדערטסטער

восьмиуго́льн||ик *м* מ אַכטעק; **~ый** אַכטעקיקער

восьмичасово́й 1. אַכטשאָיקער; ~ рабо́чий день דער אַכט-שאָיקער אַרבעטסטאָג; 2. *разг.*: ~ по́езд דער אַכטאַזיי-גערדיקער צוג

восьм||о́й אַכטער; на ~о́й день אַפֿן אַכטן טאָג; ~о́го января́ דעם אַכטן יאַנוואַר; на ~о́й страни́це אַפֿן זײַטל אַכט; ~о́й но́мер נומער אַכט; ~а́я часть אַן אַכטכײלעך אַן אַכטל; полови́на ~о́го האַלב אַכט; три че́тверти ~о́го דרײַ פֿערטל אַף אַכט; ~о́й час, в ~о́м часу́ נאָך זיבן, (אַזייגער) צווישן זיבן און אַכט

вот *частица* אָט; ~ наш дом אָט איז אונדזער שטוב; ~ вам каранда́ш און אָט נאַט אײַך א בלײַער; а ~ и я! אָט וויאַזוי (אויך דאָ)! ~ как мы рабо́таем! אָט בין איך מיר אַרבעטן! ◇ ~ и всё! און גאָר! ~ (оно́) как! אַזוי גאָר! ~ вам! אָט האָט איר אײַך! ~ ещё! ווער דאַרף עס! וואָס נאָך וועסטו [וועט איר] זאָגן? ~ так ма́стер! אָט דאָס הייסט א מײַסטער! ~ я тебя́! אָט וועסטו באַלד בא מיר אָפּלייזן!

во́т-во́т *нареч. разг.* אָט-אָט, אָט די מינוט, אָט באַלד

воткну́ть *сов.* אַרײַנשטעקן; (*иголку и т. п. тж.*) אַרײַנשטעכן*

во́тум *м* מ וואָטום; ~ дове́рия מ צוטרוי-וואָטום; ~ недове́рия א וואָטום פֿון אומצוטרוי

во́тчина *ж* װ נאַכלע

воцари́ться *сов.*, **воцаря́ться** *несов.* 1. (*наступить*) אײַנשטעלן זיך; воцари́лась тишина́ ס'האָט זיך אײַנגע-שטעלט א שטילקײַט, ס'איז געוואָרן שטיל; 2. *уст.* (*вступить на престол*) אָנהייבן* קיניגן, פֿאַרנעמען* דעם טראָן

вошь *ж* װ לויז (מצ. לײַז)

вою́щ||ий מילכאָמע-האַלטנדיקער, קריגספֿירנדיקער;

~ие стóроны די קריגספירנדיקע [מילכאָמע־האַלטנדיקע] צדאָדים

вóяка *м разг.* וואָיאַקע מ ־ס, כאַיל־מאַן מ (מצ. ··־לײַט)

впадáть *несов.* 1. *см.* впасть; 2. *(о реке)* *אַרײַנפאַלן, *אַרײַנגיסן זיך

впáдина *ж* 1. ‖ פאַרטיפונג; 2. *геогр.* טיפלאַנד ז (מצ. ··לענדער); 3.: ~ волны́ *физ.* כוואַליע־טאָל מ ־ן; ◇ глазнáя ~ אויגנלאָך ‖ (מצ. ··לעכער)

впáивать *несов. см.* впаять

впáл‖ый אײַנגעפאַלענער; ~ые щёки אײַנגעפאַלענע באַקן

впасть *сов.* 1. *אײַנפאַלן, *אײַנגעפאַלן ווערן; *(о глазах)* *אײַנגעגראָבן ווערן; 2. (в *вин.; дойти до какого-л. состояния)* *אַרײַנפאַלן; ~ в отчáяние *אַרײַנפאַלן אין פאַרצווייפלונג [אין ייִעש] ווערן* אַן; ~ в нищетý *קומען אין אָרעמאַן; ◇ ~ в противорéчие [אין א סטירע א ווידערשפּרוך]

впаять *сов.* צולייטן אינווייניק, אײַנלייטן

впервы́е *нареч.* צום ערשטן מאָל, דאָס ערשטע מאָל

вперевáлку *нареч.*: ходи́ть ~ *разг.* *גיין קאַטשקעוואַטע

вперегонки́ *нареч.* אויף וויפֿערעדקעס; אויף איבעריאָגן *разг.*

вперёд *нареч.* 1. פאָרויס; פאָרווערטס *уст.*; шаг ~ א טראָט פאָרויס; 2. *разг.* *(впредь)* (אויף) ווײַטער; ~ бýдьте внимáтельнее (אויף) ווײַטער זײַט אויפמערקזאַמער; 3. *разг.* *(заранее)* פאַרפריער; я вам скажý ~ איך וועל אײַך זאָגן פאַרפריער; 4. *(авансом)* אין פאָרויס; уплати́ть ~ אָפּצאָלן אין פאָרויס; 5. *в знач. межд.*: ~, к побéде! פאָרויס צום זיג!

впереди́ 1. *нареч.* פאָרויס; ~ шёл знаменóсец פאָרויס איז געגאַנגען דער פאָנענטרעגער; 2. *нареч.* *(в будущем)*: у нас ещё мнóго врéмени ~ ס׳בלײַבט אונדז נאָך היפּש [גענוג] צײַט; у тебя́ ещё вся жизнь ~ האָסט נאָך אָפּצולעבן א גאַנץ לעבן; 3. *предлог с род. п.* פאָרויס פאַר; *(во главе)* בעראָש; אין שפּיץ פון; ~ колóнны פאָרויס פאַר [אין שפּיץ פון] דער קאָלאָנע

вперемéжку *нареч. разг.* איבערא־ אײנס איבער אײנס, נאַנדיק

вперемéшку *нареч. разг.* איבערגעמישט

вперить *сов.*, вперять *несов.*: ~ взгляд *אײַנגראָבן זיך מיט די אויגן

впечатлéние *с* אײַנדרוק מ ־ן; *(сильное)* רושעם מ; производи́ть ~ на *кого-л.* מאַכן אַן אײַנדרוק אויף עמעצן; быть под ~м *чего-л.* *זײַן אונטערן אײַנדרוק פון עפּעס

впечатли́тельн‖ость *ж* ‖ שפּירעוודיקײַט, פילעוודיקײַט; ~ый שפּירעוודיקער, פילעוודיקער

впивáться *несов. см.* впи́ться

впи́санный *мат.* אַרײַנגעשריבענער; ~ треугóльник אַן אַרײַנגעשריבענער דרײַעק

вписáть *сов.*, впи́сывать *несов.* *אַרײַנשרײַבן; ~ слóво א וואָרט *אַרײַנשרײַבן; ~ слáвную страни́цу в истóрию наýки *אַרײַנשרײַבן א רומפול זײַטל אין דער געשיכטע פון דער וויסנשאַפט; ~ треугóльник в окрýжность *мат.* *אַרײַנשרײַבן א דרײַעק אין א קרײַזליניע

вписáться *несов.* (в *вин.*) (מיט) פאַסן, האַרמאָנירן (°גוט צו)

впи́сывать(ся) *несов. см.* вписáть(ся)

впитáть *сов. прям. и перен.* אײַנזאַפּן, *אײַנזויגן; ~ся *сов.* אײַנזאַפּן זיך

впи́тывать(ся) *несов. см.* впитáть(ся)

впи́ться *сов.* 1. *(присосаться)* *אײַנזויגן זיך; *(вцепиться)* אײַנקלאַמערן זיך; 2. *(остриём; воткнуться)* *אײַנשטעכן זיך; *(зубами)* *אײַנבײַסן זיך; 3. *перен.*: ~ в *кого-л.* глазáми *עמעצן מיט די אויגן שיר ניט אויפעסן

впи́хивать *несов.*, впихнýть *сов. разг.* אַרײַנשטופּן, אַרײַנשפּאַרן

вплавь *нареч.*: перепрáвиться ~ чéрез рéку *אַריבערלאָזן זיך שווימענדיק; пусти́ться ~ *שווימען דעם טײַך

вплести́ *сов.*, вплетáть *несов.* *אַרײַנפלעכטן

вплотнýю *нареч.* 1. האַרט; подойти́ ~ к окнý *צוגיין צום סאַמע פענצטער, האַרט צום פענצטער; подойти́ ~ к проти́внику *צוגיין; דערנענטערן זיך האַרט צום סוינע; 2. *разг.*: ~ заня́ться вопрóсом *פאַרנעמען זיך מיט דער פראַגע ווי ס׳דאַרף צו *זײַן

вплоть: ~ до סאַמע, ביז, אַפילע, אַפילו ביז; ~ до вéчера ביזן סאַמע אָפּדערנאַכט, אויף ביז אָפּדערנאַכט; закупи́ли всё необходи́мое, ~ до зубнóго порошкá מ׳האָט אײַנגעקויפט אַלץ וואָס נייטיק איז, אַפילע ציינפּודער

вповáлку *нареч. разг.*: лежáть ~ *ליגן זײַט בײַ זײַט, *ליגן איינער לעבן אַנדערן

вполгóлоса *нареч.* שטילערהייט, ־מיט אַן אונטערגעדריקטער שטים

вползáть *несов.*, вползти́ *сов.* 1. *(внутрь)* *אַרײַנקריכן, אַרײַנפויזען; 2. *(вверх)* *אַרופקריכן

вполнé *нареч.* פולשטענדיק, פולקום, גאַנץ, אינגאַנצן; ~ соглáсен פולשטענדיק [אינגאַנצן] מאַסקים; ~ достáточно גאַנץ גענוג

впопыхáх *нареч.* *(наскоро)* אײַלנדיק, כאַפּנדיק, בע־כיפאַזן(דיק); *(в спешке)* אין אײַלעניש, אײַלנדיק זיך

впóру *нареч. разг.* 1. *(подходящего размера)* צו דער מאָס; ווי אָנגעמאָסטן; 2. *в знач. сказ.*, + *инф.* מע קאָן; כאָטש; ~ всё брóсить и уéхать כאָטש נעם און··· ווארף אַלצדינג און פאָר אוועק

впослéдствии *нареч.* שפּעטער, אין א צײַט אַרום

впотьмáх *нареч.* אין דער פינצטער

впрáвду *нареч. разг.* אינדערעמעסן, בעעמעס

впрáве: быть ~ (דאָס) רעכט *האָבן; я ~ трéбовать э́то איך האָב (דאָס) רעכט צו פאָדערן דאָס; мы не ~ отказáть емý מיר האָבן ניט קיין רעכט אים אָפּצוזאָגן

вправить *сов.*, вправля́ть *несов.* אַרײַנפּראַווען, אַרײַנ־פּאַסן

впрáво *нареч.* *(в правую сторону)* רעכטס (אויף); *(справа)* אין דער רעכטער זײַט, רעכטס

впредь *нареч.* (אויף) ווײַטער; אין דער צוקונפט; ~ будь осторóжнее (אויף) ווײַטער זײַ מער פאָרזיכטיק; ◇ ~ до *чего-л.* ביז עפּעס; ~ до осóбого распоряжéния ביז א ספּעציעלער פאַראָרדענונג

вприкýску *нареч. разг.*: пить чай ~ *טרינקען טיי צו־בײַסנדיק צוקער

вприпры́жку *нареч.* אונטערשפּרינגענדיק

вприся́дку *нареч.* מיט פּריסיאַדקעס; מיט א צוזיץ *разг.*

впри́тык *нареч. разг.* האַרט צוגעטוליעט

впрóголодь: жить ~ ניט עסן* צו דער זאַט, צוהונגערן

впрок 1. *нареч.* *(про запас)* אויף שפּעטער, אין רעזערוו; *разг.*; заготовля́ть *что-л.* ~ פאַרגרייטן עפּעס אויף אין זאַפּאַס; 2. *в знач. сказ.* *(быть в пользу)*: емý всё ~ פון אַלץ וועט ער געניסן; ער דערלייגט צו גאָרנישט ניט

ער האָט דערפֿון א טויווע; ◇ идти́, пойти́ ~ *кому-л.* דו וועסט האָבן עמעצן; тебе́ э́то ~ пойдёт זײַן* צום נוצן דערפֿון א פּולע

впроса́к *нареч. разг.*: попа́сть ~ ≅ ארײַנפֿאַלן* איבער גוט ארײַנפֿאַלן*, די אויערן

впро́чем 1. *союз* צוריק גערעדט, איבעריקנס; 2. *в знач. вводн. сл.* אַגעוו

впры́скивание *с мед.* אינייעקציע, אײַנשפּריצונג ॥ ־ען ॥ ־ס

впры́скивать *несов.*, **впры́снуть** *сов. мед.* אײַנשפּריצן

впряга́ть(ся) *несов. см.* впря́чь(ся)

впрямь *частица разг.* ווירקלעך, בעעמעס

впрячь *сов.* אײַנשפּאַנען; ~ лошаде́й в пово́зку אײַנ־שפּאַנען די פֿערד אינעם וואָגן; ~ *кого-л.* в рабо́ту אײַנ־שפּאַנען עמעצן אין דער אַרבעט; ~ся *сов.* אײַנשפּאַנען זיך

впуска́ть *несов.*, **впусти́ть** *сов.* ארײַנלאָזן*

впусту́ю *нареч. разг.* אומזיסט, נוצלאָז

впу́тать *сов. разг.* (*вмешать*) ארײַנפּלאָנטען, ארײַ־שלעפּן; ~ся *сов. разг.* (*вмешаться*) ארײַנפּלאָנטען זיך, ארײַנקריכן*

впу́тывать(ся) *несов. см.* впу́тать(ся)

впя́теро *нареч.* (אין) פֿינף מאָל; ~ бо́льше פֿינף מאָל אזויפֿיל

впятеро́м *нареч.* אינפֿינפֿן, זאַלבעפֿינפֿט

в-пя́тых *вводн. сл.* פֿינפֿטנס

враг *м* (מצ. סאָנים) ם סוינע, = ם פֿײַנט; кла́ссовый ~ קלאַסן־סוינע ם (מצ. ..סאָנים)

вражд||а́ *ж* ॥ פֿײַנטשאַפֿט, ॥ סינע; пита́ть ~у́ к *кому-л.* זײַן* עמעצן א סוינע, פֿילן א סינע צו עמעצן; пита́ть ~у́ друг к дру́гу זײַן* סאָנים צווישן זיך

вражде́бн||ость *ж* ॥ פֿײַנטלעכקייט, פֿײַנטשאַפֿטלעכקייט ॥; ~ый פֿײַנטלעכער, פֿײַנטשאַפֿטלעכער; ~ый взгляд א בליק פֿול מיט סינע; ~ые сто́роны די סאָנים

враждова́ть *несов.* [סאָנים] פֿײַנט (צווישן זיך) זײַן*

вра́жеск||ий פֿײַנטלעכער; דעם פֿײַנטס, דעם סוינעס; ~ий стан דער פֿײַנטלעכער לאַגער; ~ие ко́зни דעם סוינעס אינטריגעס

вразби́вку *нареч. разг.* צעוואָרפֿן, אָן א סדר

вразбро́д *нареч. разг.* צעוואָרפֿן, איינציקווײַז; (*несогласованно*) אומאיינהײַטלעך

вразва́лку *нареч. разг.*: ходи́ть ~ גיין* קאַטשקעוואַטע

вразно́с *нареч.*: торгова́ть ~ הויזירן

вразре́з: идти́ ~ с *чем-л.* זײַן* אין אײַנריס מיט עפּעס, זײַן* קעגן עפּעס; э́то идёт ~ с мои́ми при́нципами דאָס איז קעגן מײַנע פּרינציפּן

вразуми́тельный (*ясный*) °קלאָרער; (*убедительный*) איבערצײַגעוודיקער, איבערצײַגנדיקער

вразуми́ть *сов.*, **вразумля́ть** *несов.* אײַנגעבן* סייכל

вра́ки *мн. разг.* (*ложь*) ם שקער־וועקצווו; (*вздор*) פּוסטע מײַסעס, .מצ פּיזמוינעס

враньё *с разг.* .מצ ליגנים, .מצ שקאָרים; э́то ~ דאָס איז ס׳הייבט זיך (אפֿילע) ניט אָן, שקער־וועקצווו

враспло́х *нареч.* אומגעריכט, אומדערוואַרט, פּלוצעם; напа́сть на *кого-л.* ~ אָנפֿאַלן* אויף עמעצן אומגעריכט [אומ־דערוואַרט]

врассыпну́ю *нареч.* ווער וווהין, אין אַלע זײַטן; бро́ситься ~ לאָזן* זיך אין אַלע זײַטן [ווער וווהין]

враста́ть *несов.*, **врасти́** *сов.* ארײַנוואַקסן*

врастя́жку *нареч. разг.* 1. אויסגעצויגן; 2.: говори́ть ~ ריידן* צעצויגן

врать *несов. разг.* 1. ליגן (א) זאָגן, ליגנערן, ליגן; 2. (*быть неточным*): мои́ часы́ врут מײַן זייגער נאַרט אָפּ; 3. (*фальшивить, ошибаться*) אונטערפֿאַלשעווען

врач *м* (מצ. דאָקטוירים) ם דאָקטער

враче́бн||ый מעדיציניש, דאָקטוירים־, מעדיציניש; ~ая по́мощь מעדיצינישע הילף; ~ая коми́ссия דאָקטוירים־קאָ־מיסיע ॥ ־ס

враща́тельн||ый דריי־, אומדריי־; ~ое движе́ние (אומ)־דריי־באַוועגונג ॥ ־ען

враща́||ть *несов.* (אומ)דרייען; ~ться *несов.* 1. (אומ)־דרייען זיך; Земля́ ~ется вокру́г Со́лнца די ערד דרייט זיך [באַוועגט זיך] ארום דער זון; 2. *перен.* האָבן* א פּאַרקער (מיט); דרייען זיך (צווישן) *разг.*; он ~ется среди́ арти́стов ער האָט א פּאַרקער מיט אַרטיסטן

враще́ние *с* ॥ קרײַז־באַוועגונג, ॥ דרייונג, דאָס (אומ)־דרייען זיך

вред *м* ם שאָדן; причини́ть ~ [אָנטאָן*] ברענגען*; э́то не во ~ здоро́вью דאָס איז ניט צום שאָדן; דאָס שאַט ניט שעדלעך פֿאַרן] געזונט

вреди́тель *м с.-х. и перен.* = ם שעדיקער; ~ский שע־דיקעריש, שעדיקער־; ~ская де́ятельность שעדיק־רישע טעטיקייט; ~ская гру́ппа שעדיקער־גרופּע ॥ ־ס, א גרופּע שעדיקער; ~ство *с* ॥ שעדיקערײַ

вреди́ть *несов.* (*дат.*) (דאַט.) שאַטן; (*о саботажнике*) שעדיקן; ~ де́лу קאַליע מאַכן; ~ здоро́вью שאַטן צום [דעם] געזונט

вре́дн||о 1. *нареч.* שעדלעך; ~о отража́ться на *чём-л.* שעדלעך אָפּרופֿן* זיך אויף עפּעס; 2. *в знач. сказ.* אומגע־זונט; кури́ть ~о רייכערן איז אומגעזונט; ~ость *ж* שעד־לעכקייט ॥; (*для здоровья тж.*) ॥ אומגעזונטקייט; ~ый שעדלעכער; (*для здоровья тж.*) אומגעזונטער; ~ый кли́мат קלימאַט [אן אומגעזונטער] °א שלעכטער; ~ая привы́чка געוווינהייט [שעדלעכע] °א שלעכטע; ~ое произво́дство אומגעזונטע פּראָדוקציע

вре́зать *сов.*, **вреза́ть** *несов.* (*вделать*) *ארײַנשנײַדן, אײַנפּאַסן, ארײַנפֿראַוועווען

вре́заться *сов.*, **вреза́ться** *несов.* 1. *прям. и перен.* ארײַ־שנײַדן* זיך; ло́дка вре́залась в прибре́жный песо́к דאָס שיפֿל האָט זיך ארײַנגעשניטן אינעם בײַבערעגיקן זאַמד; вса́дник вре́зался в толпу́ דער רײַטער האָט זיך ארײַנגעשניטן אינעם האַמוין; 2. (*запечатлеться*) אײַנקריצן זיך

времена́ми *нареч.* צײַטנווײַז, צומאָל

вре́менн||о *нареч.* צײַטווײַליק; ~о́й צײַטלעכער; ~ая связь א צײַטלעכע פֿאַרבינדונג; ~ый צײַטווײַליקער; (*преходящий тж.*) דערווײַליקער, איבערגעגנגלעכער; ~ое прави́тельство די צײַטווײַליקע רעגירונג; ~ые тру́дности צײַטווײַליקע [איבערגענגלעכע] שוועריקייטן

вре́м||я *с* 1. ॥ צײַט; по моско́вскому ~ени לויט דער מאָסקווער צײַט; ~я лети́т די צײַט פֿליט; промежу́ток ~ени ם ־ן (צײַט־)אינטערוואַל; до настоя́щего ~ени ביז הײַנטיקן טאָג, ביז איצט; на бу́дущее ~я אויף א שפּע־טערדיקע צײַט, אויף שפּעטער; во ~я (*чего-л.*) בעת, בײַס; ~ас пун זינט דעמלט, פֿון דער צײַט אָן; с того́ ~ени זינט דעמלט, פֿון יענער צײַט אָן; у меня́ есть ~я чита́ть כ׳האָב צײַט אויף לייענען, כ׳האָב ווען צו לייענען; 2. (*эпоха*) ॥ צײַט, .מצ צײַטן, .מצ יאָרן; дух ~ени דער גײַסט

פון דער צײַט; в на́ше ~я [יאָרן] הײַנטיקע צײַטן; (*о прошлом*) פאַר אונדזערע יאָרן; во ~ена́ Петра́ I פאַר פּעטער דעם ערשטן, דעם ערשטנס צײַטן; вое́нное ~я מילכאָמע־צײַט ‖, קריגסצײַט ‖; 3. (*пора́*) ~ן ‖ צײַט; у́треннее ~я ‖ פרימאָרגן־צײַט, אינדערפרי׳ ‖; четы́ре ~ени го́да די פיר צײַטן פונעם יאָר, די פיר (יאָר־)סעזאָנען; ~я е́хать (ס׳איז) צײַט צו פאָרן; 4. *грам.* ‖ צײַט; настоя́щее ~я ‖ קעגנוואַרט; проше́дшее ~я ‖ פאַרגאַנגענהײט; бу́дущее ~я ‖ צוקונפט; ◊ всё ~я די גאַנצע צײַט; (в) пе́рвое ~я די ערשטע צײַט, טכילעס; в после́днее ~я די לעצטע צײַט; в своё ~я 1) (*в прошлом*) בעשײַטע זײַנערצײַט; 2) (*своевременно*) צו דער רעכטער צײַט, רעכטצײַטיק; в ско́ром ~ени גאָר אינגיכן; до сего́ ~ени ביז הײַנטיקן; на ~я אויף א צײַט, אַד(ה)איאָם, אַד(ה)עטע, אדעגע טאָג, ביז; со ~енем מיט דער צײַט, א גערויסער צײַט; тем ~енем דערווײַל, בײַנע לעבײַנע; ~я от ~ени פון צײַט צו צײַט; в то ~я как *союз* דאַן ווען

время́препровожде́ние *с* ‖ צײַטפאַרטרײַב

вро́вень *нареч.* (с *тв.*) אויף איין הייך (מיט)

вро́де 1. *предлог с род.п.* ווי א מין; что́-то ~ сара́я עפּעס ווי א מין שטאַל; 2. *частица разг.* ווי; דאַכט זיך; ~ похолода́ло ס׳איז, דאַכט זיך, [ס׳איז ווי] קעלטער געוואָרן; 3. *частица разг.* (*перед перечислением*) אַזעלכע ווי ... כע; слова́ ~ „я́сно", „поня́тно" и т.п. אַזעלכע ווערטער, ווי «קלאָר», «פאַרשטענדלעך» אדג.

врождённый אײַנגעבוירענער; ~ недоста́ток אן אײַנגעבוירענער פעלער [כיסאָרן]; ~ тала́нт א געבוירענער טאַלאַנט, נאַטור־טאַלאַנט ‖ ~ן

врозь *нареч.* באַזונדער, אָפּגעזונדערט

вру́бов||ый: ~ая маши́на *горн.* ‖ האַקמאַשין ~ען; ‖ ~ס ווּרוּבאָוּקע *разг.*

врукопа́шную *нареч.*: би́ться ~ שלאָגן* זיך האַנט צו האַנט

врун *м разг.* ‖ ~ס ליגנער, (מצ. שאַקראָנים) ‖ שאַקרען; ~ья *ж разг.* ‖ ~ס ליגנערטע, ‖ ~ס שאַקרענטע

вруча́ть *несов. см.* вручи́ть

вруче́ние *с* ‖ אײַנהענטיקונג, I אײַנהענטיקן

вручи́ть *сов.* דערלאַנגען, אַרײַן די הענט אין אָפּגעבן*; (*официально*) אײַנהענטיקן; ~ кому́-л. пове́стку אײַנהענטיקן עמעצן א רופצעטל; ~ прави́тельственную награ́ду אײַנהענטיקן די [א] מעלוכע־באַלוינונג; ~ кому́-л. свою́ судьбу́ איבערגעבן* אין עמעצנס הענט דעם (אייגענעם) גוירל

вручну́ю *нареч.* פון דער האַנט; обрабо́тка ~ באַאַרבעטונג פון דער האַנט

врыва́ть *несов. см.* врыть

врыва́ться *несов. см.* ворва́ться

врыть *сов.* אַרײַנגראָבן*

вряд ли *частица* ס׳איז א גרויסער ספק, צי...; ~ он придёт ס׳איז א גרויסער ספק, צי ער וועט קומען

всади́ть *сов.* אַרײַנזעצן; (*нож тж.*) אַרײַנשטעכן*

вса́дник *м* = ‖ רײַטער

вса́живать *несов. см.* всади́ть

вса́сывать(ся) *несов. см.* всоса́ть(ся)

все *мест. см.* весь 1, 2, 4

всё[1] *мест. см.* весь 1, 2, 3

всё[2] *нареч. разг.* 1. (*всё время*) די גאַנצע צײַט; а он ~ пи́шет и пи́шет און ער שרײַבט די גאַנצע צײַט, און ער הערט ניט אויף צו, ער האַלט אין איין שרײַבן; 2. (*до сих пор*) אַלץ נאָך; ты ~ ещё здесь? דו ביסט נאָך אַלץ דאָ?; 3. (*только, исключительно*) אַליין; э́то ~ вы винова́ты דאָס זײַט איר אַליין שולדיק; 4. *в знач. усил. частицы* אַלץ; рабо́та идёт ~ лу́чше די אַרבעט גייט אַלץ בעסער; ◊ ~ ж, ~ же דאָך, פונדעסטוועגן

всевозмо́жный אַלערלײיִקער, פאַרשײדנאַרטיקסטער; אַלערלײ *неизм.*

всегда́ *нареч.* אַלעמאָל, שטענדיק, תמיד; ~ гото́в! שטענדיק גרייט! [ווי תמיד] (אין) שטענדיק; как ~ שטענדיקער, געוויינלעכער; ~шний דער צײַט

всего́ *нареч.* אַרום און אַרום, סאַכאַקל; (*лишь*) אינגאַנצן; ~ я прослужи́л в а́рмии семна́дцать лет סאַכאַקל האָב איך אָפּגעדינט אין דער אַרמיי זיבעצן יאָר; он ~ на четы́ре ме́сяца ста́рше меня́ [סאַכאַקל] ער איז אינגאַנצן מיט פיר כאָדאָשים עלטער פון מיר; ◊ ~-на́всего אינגאַנצן, סאַכאַקל; то́лько и ~ און דאָס און גאָר, אינגאַנצן

всезна́йка *разг. ирон. м* = ‖ אַלצוויסער; *ж* ~ ‖ אַלצווי־סערן

вселе́нная *ж* ‖ אַלוועלט, ‖ וועלט, ‖ וועלטאַל; (*космос*) ‖ קאָסמאָס

всели́||ть *сов.* 1. (*поселить*) אַרײַנזעצן; 2. *перен.:* ~ть наде́жду אײַנגעבן* [דערוועקן] (א) האָפענונג; ~ть подозре́ние אַרויסרופן* [דערוועקן] א חשד; ~ть трево́гу אַרויסרופן* [דערוועקן] אן אומרו; ~ть уве́ренность געבן* די זיכערקײַט; ~ться *сов.* 1. (*поселиться*) אַרײַנ־קלײַבן* זיך; 2. *перен.:* ~лось подозре́ние ס׳האָט זיך פאַרקלײַבן א חשד; ~лась наде́жда ס׳האָט זיך דערוועקט א האָפענונג; ~лась уве́ренность ס׳איז אויפגעקומען א זי־כערקײַט

вселя́ть(ся) *несов. см.* всели́ть(ся)

всемéрн||о *нареч.* מיט אַלע מיטלען [מעגלעכקײַטן], מיט וואָס נאָר ס׳איז מעגלעך; ~ый דער מעגלעכסטער; ока́зывать ~ую по́мощь געבן* די מעגלעכסטע הילף, העלפן* מיט וואָס נאָר ס׳איז מעגלעך

всеми́рно-истори́ческий אַלוועלטלעך־היסטאָרישער

всеми́рный אַלוועלטלעכער; Всеми́рный Конгре́сс сторо́нников ми́ра דער אַלוועלטלעכער קאָנגרעס פון שאָלעם־אָנהענגער

всемогу́щ||ество *с* ‖ אַלמעכטיקײַט; ~ий אַלמעכטיקער

всенаро́дн||ый אַלפאָלקישער; ~ый пра́здник אן אַלפאָלקישער יאָמטעוו; ~ое одобре́ние די באַווילוקונג פונעם גאַנצן פאָלק

всео́бщий אַלגעמיינער

всеобъе́млющий אַלץ־אַרומנעמ(ענד)יקער, א ברייטסטער; ~ план אַלץ־אַרומכאַפּנדיקער [אן אַלץ־באַגרײַפנדיקער פאַר־] פּלאַן; ~ ум אַרומכאַפּנדיקער־שטאַנד

всеору́жи||е *с:* во ~и אין פולשטענדיק באַוואָפנט, פולער באַוואָפנט; во ~и зна́ний פולשטענדיק באַוואָפנט מיט וויסן

всепобежда́ющий אַלצבאַזיגנדיקער

всеросси́йский אַלרוסלענדישער

всерьёз *нареч. разг.* ערנסט (גאַנץ); не принима́ть чего́-л. ~ ניט מאַכן קיין עפּעס ערנסט, ניט אָננעמען* עפּעס פאַר ערנסט וועזן פון עפּעס

всеси́льный אַלמעכטיקער

всесою́зный אַלפֿאַרבאַנדישער

всесторо́нн||е *нареч.* אַלזײַטיק; ~е образо́ванный אַלזײַטיק געבילדעטער; ~ий אַלזײַטיקער

всё-таки 1. *союз* דאָך, פֿונדעסטוועגן; говори́л он негро́мко, но мы ~ слы́шали ка́ждое сло́во ער האָט גערעדט שטיל, און דאָך [פֿונדעסטוועגן] האָבן מיר געהערט יעדער וואָרט; 2. *частица* פּאָרט; куда́ он ~ де́лся? וווּהין פּאָרט איז ער אַהינגעקומען [איז ער נעלעם געוואָרן]?

всеуслы́шание *с*: во ~ אַלע זאָלן הערן, בעפֿומבי

всецéло *нареч.* פֿולשטענדיק, אינגאַנצן; он ~ поглощён рабо́той ער איז אינגאַנצן אַרײַנגעטאָן אין זײַן אַרבעט [פֿאַרטאָן מיט זײַן אַרבעט]; я ~ на его́ стороне́ איך בין פֿולשטענדיק [אינגאַנצן] אויף זײַן זײַט

всея́дный אַלצפֿרעסנדיקער

вска́кивать *несов. см.* вскочи́ть

вска́пывать *несов. см.* вскопа́ть

вскара́бкаться *сов. разг.* אַרויפֿדראַפּען, אַרויפֿקלעטערן זיך

вска́рмливать *несов. см.* вскорми́ть

вскачь *нареч.* אין גאַלאָפּ, (ט)שוואַליאָם; нести́сь ~ גאַלאָפּירן, יאָגן (ט)שוואַליאָם

вски́дывать 1. *см.* вски́нуть; 2. (*быстро поднимать*) מיטאַמאָל אויפֿהייבן*

вски́нуть 1. (на *вин.*) (אויף) *אַרויפֿוואַרפֿן; ~ мешо́к на плечо́ *אַרויפֿוואַרפֿן דעם זאַק אויף דער פּלייצע; 2. (*быстро поднять*) *געבן א הייב אויף; ~ ружьё *געבן א הייב אויף די ביקס

вскипа́ть *несов.*, **вскипе́ть** *сов.* 1. *אויפֿזידן; молоко́ вскипе́ло די מילך איז אויפֿגעזאָטן; 2. *перен.* (*о гневе и т. п.*) אויפֿברענען, *אָנצינדן זיך, אויפֿקאָכן; (*о человеке*) *אויפֿגעקאָכט [אויפֿגעזאָטן] ווערן; он вскипе́л гне́вом ער איז געוואָרן ס'האָט אין אים אויפֿגעברענט דער כּעס מאָלע־כּיימע

вскипяти́ть *сов.* *אויפֿזידן; ~ся *сов. разг.* *אויפֿגעזאָטן [אויפֿגעקאָכט] ווערן

всклоко́ченный צעקודלעטער, צעפּאַטלטער, צעשויבערטער

всколыхну́ть *сов.* 1. צעוויגן, אויפֿרירן; 2. *перен.* אויפֿרודערן, צערודערן; ~ся *сов.* צעוויגן זיך, אויפֿרירן זיך; *перен.* אויפֿרודערן זיך, *אויפֿגערודערט ווערן

вскользь *нареч.* פֿאַרבײַלויפֿיק; ~ упомяну́ть קוים דערמאָנען; ~ заме́тить פֿאַרבײַלויפֿיק באַמערקן

вскопа́ть *сов.* *אויפֿגראָבן

вско́ре *нареч.* באַלד, אינגיכן; ~ по́сле э́того באַלד דערויף

вскорми́ть *сов.* (*животных*) אויסהאָדעווען; (*детей*) אויסכאָווען, *אויפֿציִען

вскочи́ть *сов.* 1. (на *вин.*) (אויף) *אַרויפֿשפּרינגען; (в *вин.*) (אין) *אַרײַנשפּרינגען; 2. (*с места*) *אויפֿשפּרינגען; ~ на́ ноги *אויפֿשפּרינגען פֿונעם אָרט; 3. *разг.* (*о прыще, шишке*) זעצן זיך, *אויפֿלויפֿן

вскри́кивать *несов.*, **вскри́кнуть** *сов.* *א געשריי געבן

вскруж||и́ть *сов.*: ~и́ть *кому-л.* го́лову פֿאַרדרייען עמעצן דעם קאָפּ; успе́х ~и́л ему́ го́лову פֿון דערפֿאָלג האָט ער באַקומען קאָפּשווינדל

вскрыва́ть(ся) *несов. см.* вскры́ть(ся)

и́мя *с* 1. נאָמען ם (מצ. נעמען); по и́мени Бори́с מיטן נאָמען באָריס; как ва́ше ~? וויאַזוי הייסט איר?, רופט מען אײַך?; назва́ть *кого-л.* по и́мени אָנרופן* עמעצן באַם נאָמען; под чужи́м и́менем אונטער אַ פרעמדן נאָמען; 2. *(известность)* נאָמען ם, שעם ם; приобрести́ ~ באַקומען* אַ (גוטן) נאָמען [שעם], באַוווּסט ווערן*; учёный с мировы́м и́менем אַ וועלט־באַרימטער געלערנטער; 3.: кру́пные имена́ אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן; 4. *грам.* נאָמען ם (מצ. נעמען); ~ существи́тельное סובסטאַנטיוו ם ־ן; ~ прилага́тельное אַדיעקטיוו ם ־ן; ~ числи́тельное צאָלנאָמען ם (מצ. ...נעמען); ◇ шко́ла и́мени М. Го́рького אַ שול אַף מ. גאָרקיס נאָמען; теа́тр и́мени Ле́нинского комсомо́ла דער טעאַטער אַפן נאָמען פונעם לענינישן קאָמסאָמאָל; во ~ ми́ра на земле́ צוליב שאָלעם אַף דער ערד [וועלט]; на *чьё-л.* ~ אַף עמעצנס נאָמען; от и́мени *кого-л.* אין נאָמען פון עמעצן, אין עמעצנס נאָמען; называ́ть ве́щи свои́ми имена́ми אָנרופן* דאָס קינד באַם נאָמען

и́на́че *нареч.* 1. אַנדערש; э́то де́лается ~ מע מאַכט דאָס אַנדערש [אַף אַן אַנדער אופן]; ~ обстои́т де́ло с... (גאָר) אַנדערש איז..., אַן אַנדער זאַך איז...; 2. *в знач. союза разг.* אַניט; иди́ сейча́с же, ~ бу́дет по́здно גיי טאַקע באַלד, אַניט וועט זײַן צו שפּעט; ◇ так и́ли ~ אַזוי אָדער אַנדערש, אַזוי צי אַזוי

инвали́д *м* אינוואַליד ם ־ן; ~ войны́ מילכאָמע־אינוואַליד ם ־ן; ~ труда́ אַרבעט(ס)־אינוואַליד ם ־ן; ~ность *ж* אינוואַליד(יש)קייט װ; пе́нсия по ~ности אינוואַלידן־פּענסיע װ

инвентариз||а́ция *ж* אינווענטאַריזירונג װ, אינווענטאַרי־זירן ז; ~ова́ть *сов. и несов.* אינווענטאַריזירן

инвента́рный אינווענטאַר־; ~ но́мер אינווענטאַר־נומער ם ־ן

инвента́рь *м* 1. *(предметы)* אינווענטאַר ם; 2. *(опись)* אינווענטאַר־צעטל ם ־ען; ◇ живо́й ~ לעבעדיקער אינווענטאַר; мёртвый ~ טויטער אינווענטאַר

инве́рсия *ж лингв., лит.* אינווערסיע װ

ингаля́ция *ж мед.* אינהאַלאַציע װ ־ס

ингу́ш *м* אינגוש ם ־ן; ~ка *ж* אינגושקע װ ־ס; ~ский אינגושישער

инде́ец *м* אינדיאַנער ם =

инде́йка *ж* אינדיטשקע װ ־ס

инде́йский אינדיאַנישער; ◇ ~ пету́х אינדיק ם ־עס

и́ндекс *м* אינדעקס ם

индиа́нка[1] *ж (в Америке)* אינדיאַנערן װ ־ס

индиа́нка[2] *ж (в Индии)* אינדיערן װ ־ס

индивидуал||изи́ровать *сов. и несов.* אינדיווידואַליזירן; ~и́зм *м* אינדיווידואַליזם ם; ~и́ст *м* אינדיווידואַליסט ם ־ן

индивидуа́льн||ость *ж* 1. אינדיווידועלקייט װ; 2. *(личность)* אינדיווידואַליטעט װ; ~ый אינדיווידועלער

индиви́дуум *м* אינדיווידואום ם ־ס, אינדיוויד ם ־ן

инди́го *с нескл.* אינדיגאָ־פאַרב װ

инди́ец *м* אינדיער ם =

инди́йский אינדישער

индика́тор *м тех., хим.* אינדיקאַטאָר ם ־ס

индифферéнтн||ость *ж* אינדיפערענטקייט װ; ~ый אינדיפערענטער

индоевропе́йский אינדאָ־אייראָפּעיִשער

индонези́||ец *м* אינדאָנעזיער ם =; ~йка *ж* אינדאָנעזיערן װ ־ס; ~йский אינדאָנעזישער

индукти́вный *лог., физ.* אינדוקטיווער

индукцио́нный *физ.* אינדוקציע־; ~ ток אינדוקציע־שטראָם ם

инду́кция *ж лог., физ.* אינדוקציע װ

инду́с *м (последователь индуизма)* אינדוס ם ־ן; ~ский אינדוישער

индустриализ||а́ция *ж* אינדוסטריאַליזאַציע װ; אינדוסטריאַליזירונג װ; ~и́ровать *сов. и несов.* אינדוסטריאַליזירן

индустриа́льный אינדוסטריעלער

инду́стрия *ж* אינדוסטריע װ

индю́к *м* אינדיק ם ־עס

индю́ш||ка *ж* אינדיטשקע װ ־ס; ~о́нок *м* אינדיקל ז ־עך

и́ней *м* פרירטוי ם, געפריר ז

ине́ртн||ость *ж* אינערטקייט װ; ~ый 1. *физ.* אינערט(יש)ער; 2. *(бездеятельный)* אינערט(יש)ער, פּאַסיווער; ◇ ~ые га́зы *хим.* אינערטע גאַזן

ине́рци||я *ж* 1. *физ.* אינערץ װ, אינערציע װ; по ~и *тж. перен.* לויט אינערץ; 2. *перен. см.* ине́ртность

инжене́р *м* אינזשעניער ם ־ן; ~ный אינזשעניערן־, אינזשעניערישער; ~ное де́ло אינזשעניערישער פאַך; ~ные войска́ אינזשעניערן־מיליטער ז

инжи́р *м* 1. *(плод)* פײַג װ ־ן; *собир.* פײַגן מצ., אינזשיר ם; 2. *(дерево)* פײַגנבוים ם (מצ. ...ביימער)

инициа́лы *мн.* איניציאַלן מצ.

инициати́в||а *ж* איניציאַטיוו װ; по *чьей-л.* ~е לויט עמעצנס איניציאַטיוו; прояви́ть ~у אַרויסווײַזן* איניציאַטיוו; ~ный איניציאַטיווער; *(предприимчивый)* איניציאַטיוופולער

инициа́тор *м* איניציאַטאָר ם ...טאָרן

инквизи́||тор *м* אינקוויזיטאָר ם ...טאָרן; ~торский אינקוויזיטאָרישער; ~ция *ж* אינקוויזיציע װ ־ס

инко́гнито 1. *нареч.* אינקאָגניטאָ; 2. *в знач. сущ. с нескл.* אינקאָגניטאָ װ

инкримини́ровать *сов. и несов.:* ~ *кому-л. что-л.* אינקרימינירן עמעצן עפּעס, באַשולדיקן עמעצן אין עפּעס

инкруст||а́ция *ж* אינקרוסטאַציע װ ־ס; ~и́ровать *сов. и несов.* אינקרוסטירן

инкуба́тор *м* אינקובאַטאָר ם ־ס

инкубацио́нный אינקובאַציע־; ~ пери́од *мед.* אינקובאַציע־פּעריאָד ם ־ן

иногда́ *нареч.* אַמאָל, צומאָל, ווען־ניט־ווען, טיילמאָל

иногоро́дний *(о корреспонденции и т. п.)* פון אַן אַנדער שטאָט, פון אַנדערע שטעט *после сущ.; (о человеке тж.)* פרעמדשטאָטישער, ניט קיין היגער

инозе́м||ец *м* פרעמדלענדער ם =; ~ный פרעמדלענדישער

ино́||й 1. *(другой)* (אַן) אַנדער (מצ. אַנדערע) *перед сущ., по родам и падежам не изменяется;* אַנדערער (װ אַנדערע, ז אַנדערס, מצ. אַנדערע) *без сущ.;* тепе́рь положе́ние ~е איצט איז אַן אַנדער לאַגע, די לאַגע איז איצט גאָר אַן אַנדערע; *см.* друго́й 1; 2. *(некоторый)* אַן אַנדער *по родам и падежам не изменяется; мн.* אייניקע; ~й слу́шатель и не согласи́тся с ле́ктором אַן אַנדער צוהערער [עמעצ(ער) ווער פון די צוהערער] קאָן אַמאָל ניט מסכים זײַן* מיטן לעקטאָר; 3. *в знач. сущ.*

עמעצ(ער); *мн.* איניקע; ~й и не заме́тит (עמעצ(ער) ווער וועט גאָר ניט באַמערקן; ины́е и ра́ды бы́ли бы איניקע וואָלטן גאָר צופֿרידן געווען; ◇ (совсе́м) ~е де́ло גאָר עפּעס אַנדערש, גאָר אַן אַנדער זאַך; не кто ~й, как... קיין אַנדערער ניט ווי...; не что ~е, как... קיין אַנדער זאַך ניט ווי...; ~й раз אַמאָל, אַן אַנדערס מאָל

инoро́дн||ый פֿון (גאָר) אַן אַנדער מין, אַנדערשדיקער; *после сущ.*; ◇ ~ое те́ло פֿרעמדקערפּער ם ־ס

иносказа́||ние *с* אַלעגאָריע װ ־ס; ~тельный אַלעגאָ־רישער

иностра́н||ец *м* = ם אויסלענדער; = ם פֿרעמדלענדער; ~ка *ж* אויסלענדערן װ ־ס, פֿרעמדלענדערן װ ־ס; ~ный 1. אויסלענדישער; פֿרעמדלענדישער; ~ный язы́к אַן אויסלענדישע שפּראַך; ~ный капита́л אויסלענדישער קאַפּיטאַל; 2.: министе́рство ~ных дел מיניסטעריום פֿאַר אויסערן־עניינים, אויסערן־מיניסטעריום ם

инoхо́дец *м* צעלטער ם ־ס

и́ноходь *ж* צעלטגאַנג ם

иноязы́чный אַנדערשפּראַכיקער

инсинуа́ция *ж* אינסינואַציע װ ־ס, בילבל ם (מצ. ביל־בולים)

инспекти́ровать *несов.* אינספּעקטירן

инспе́ктор *м* אינספּעקטאָר ם ··טאָרן; ~ский אינספּעקטאָ־רישער

инспекцио́нн||ый אינספּעקציע־, אינספּעקציאָנעלער; ~ая пое́здка אַן אינספּעקציאָנעלע נעסיע; ~ые о́рганы אינ־ספּעקציע־אָרגאַנען מצ.

инспе́кция *ж* 1. (*действие*) אינספּעקטירונג װ, אינספּעק־ציע װ; 2. (*учреждение*) אינספּעקציע װ

инспири́ровать *сов. и несов.* אינספּירירן

инста́нция *ж* אינסטאַנץ װ ־ן

инсти́нкт *м* אינסטינקט ם ־ן; ~и́вный אינסטינקטיווער

институ́т *м* 1. (*учебное заведение, научное учрежде-ние*) אינסטיטוט ם ־ן; 2. *юр.* אינסטיטוציע װ ־ס

инструкт||а́ж *м* 1. (*действие*) אינסטרוקטירונג װ, אינ־סטרוקטאַזש ם; 2. (*инструкции*) אינסטרוקטאַזש ם; ~и́в-ный אינסטרוקטיווער; ~и́ровать *сов. и несов.* אינסטרוק־טירן

инстру́ктор *м* אינסטרוקטאָר ם ··טאָרן; ~ский אינ־סטרוקטאָרישער; ~ские ку́рсы אינסטרוקטאָרן־קורסן מצ.

инстру́кция *ж* אינסטרוקציע װ ־ס

инструме́нт *м* אינסטרומענט ם ־ן; *собир.* געצייג ז, מעטעש ז; ◇ музыка́льный ~ שפּיל־אינסטרו־מענט ם ־ן; *мн. тж.* כּלים *разг.*; ~а́льный 1. *тех.* אינסטרומענטאַלער, אינסטרומענטן־; ~а́льный заво́д אינ־סטרומענטאַלער זאַוואָד, אינסטרומענטן־זאַוואָד ם ־ן; 2. *муз.* אינסטרומענטאַלער; ~а́льщик *м* אינסטרומענטאַלשטשיק ם ־עס, = ם אינסטרומענטן־מאַכער; ~а́рий *м* אינסטרו־מענטן־געצייג ז; *тех. тж.* אַרבעט־קאָמפּלעקט ם

инсу́льт *м мед.* אינסולט ם, אַפּאָפּלעקסיע װ

инсцени́ровать *сов. и несов.* 1. אינסצענירן; ~ рома́н אינסצענירן אַ ראָמאַן; 2. (*притворно изобразить*) אינ־סצענירן; (*симулировать*) סימולירן

инсцениро́вка *ж* 1. (*литературного произведения*) אינסצענירונג װ, אינסצענירן ז; 2. (*симуляция*) סימולירונג װ, סימולירן ז; 3. (*инсценированное произведение*) אינ־סצענירונג װ ־ען

интегра́л *м мат.* אינטעגראַל ם ־ן

интегра́льн||ый *мат.* אינטעגראַלער; ~ое исчисле́ние אינטעגראַלע רעכענונג

интегри́ровать *сов. и несов.* אינטעגרירן

интелле́кт *м* אינטעלעקט ם; ~уа́льный אינטעלעקטוּ־עלער

интеллиге́нт *м* אינטעליגענט ם ־ן; ~ность *ж* אינ־טעליגענטישקייט װ; ~ный אינטעליגענטישער

интеллиге́нция *ж* אינטעליגענץ װ

интенда́нт *м воен.* אינטענדאַנט ם ־ן; ~ский אינטענ־דאַנטן־; ~ская слу́жба אינטענדאַנטן־דינסט ם; ~ство *с* אינטענדאַנטסטווע װ

интенси́вн||ость *ж* אינטענסיווקייט װ; ~ый אינטענסיווער

интерва́л *м* אינטערוואַל ם ־ן

интерве́н||т *м* אינטערווענט ם ־ן; ~ция *ж* אינטער־ווענץ װ

Интерви́дени||е *с* אינטערוויזיע װ; передава́ть по ~ю טראַנסלירן דורך אינטערוויזיע

интервью́ *с* אינטערוויו ם ־ען; брать ~ у *кого-л.* אינטערוויוירן עמעצן, נעמען* אַן אינטערוויו בײַ עמעצן

интервьюи́ровать *сов. и несов.* אינטערוויוירן

интере́с *м* אינטערעס ם ־ן; ~ к *чему-л.* אינטע־רעס פֿאַר עפּעס; с больши́м ~ом מיט גרויס° אינטערעס; представля́ть ~ для *кого-л.* זײַן* אינטערעסאַנט פֿאַר עמעצן, אינטערעסירן עמעצן; 2. *обыкн. мн.* אינטערעסן מצ.; жиз-ненные ~ы לעבנס־אינטערעסן מצ.; в ~ах ми́ра צוליב שאָלעם; э́то в на́ших ~ах אין דאָס איז אונדז צוניצנסטן, דעם זײַנען מיר פֿאַראינטערעסירט; ~но *нареч.* 1. אינ־טערעסאַנט; אין אַן אינטערעסאַנטער פֿאָרם; 2. *в знач. сказ. безл.* (ס')איז אינטערעסאַנט; мне ~но знать ס'איז מיר [מיר איז] אינטערעסאַנט צו וויסן, איך וואָלט געוואָלט וויסן [איך וואָלט אַ באַלן געווען]; ~но, получи́л ли он моё письмо́ אינטערעסאַנט, צי האָט ער באַקומען מײַן בריוו; ~ный 1. אינטערעסאַנטער; 2. *разг.* (*привлекательный*) אינטערעסאַנטער, גאַנץ פֿײַנער

интерес||ова́ть *несов.* אינטערעסירן; всё его́ ~ова́ло אַלצדינג האָט אים אינטערעסירט; меня́ ~у́ет, как вы реши́те тако́й вопро́с מיך אינטערעסירט צו [איך וואָלט אַ באַלן געווען] וויסן, וויאַזוי וועט איר דערלייזן אַזאַ פּראָגע; ~ова́ться *несов.* אינטערעסירן זיך; ~ова́ться фи́зикой אינטערעסירן זיך מיט פֿיזיק

интерна́т *м* אינטערנאַט ם ־ן

Интернациона́л *м* 1. אינטערנאַציאָנאַל ם ־ן; Коммуни-сти́ческий ~ קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל; 2. (*про-летарский гимн*) אינטערנאַציאָנאַל ם

интернационал||и́зм *м* אינטערנאַציאָנאַליזם ם; пролета́р-ский ~и́зм פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַליזם; ~и́ст *м* אינטערנאַציאָנאַליסט ם ־ן; ~исти́ческий אינטערנאַציאָ־נאַליסטישער

интернациона́льный אינטערנאַציאָנאַלער; ~ соста́в אינ־טערנאַציאָנאַלער באַשטאַנד; вы́полнить ~ долг אויספֿילן דעם אינטערנאַציאָנאַלן חובֿ

интерни́ровать *сов. и несов.* אינטערנירן

интерпрет||а́ция *ж* אינטערפּרעטאַציע װ, אינטערפּרעטי־רונג װ; ~и́ровать *сов. и несов.* אינטערפּרעטירן

интерье́р *м* אינטעריער ם

инти́мн||ый (*сокровенный*) אינטימער; ~ые подро́бности אינטימע פּראַטים; ~ый друг = ם האַרצפֿרײַנט

интоксика́ция *ж мед.* אינטאָקסיקאַציע װ, פֿאַרגיפֿטונג װ

интонáция *ж* ll אינטאָנאַציע

интрига *ж* 1. ־ס ll אינטריגע; *мн.* (*происки тж.*) אינטריגע מצ. הינטערגענג מצ., הינטערשפּיצלעך מצ.; 2. *лит.* סיפּער־האַמיסע מ, ll

интригáн *м* ־ן מ אינטריגאַנט; ~ка *ж* אינטריגאַנטקע ll ־ס; ~ство *с* ll אינטריג(אַנ)ערײַ

интриговáть *несов.* 1. אינטריגירן; 2. (прóтив *род.*) פירן אינטריגעס (קעגן)

интродýкция *ж муз.* ll אינטראָדוקציע

инту||итивный אינטויִטיװער; ~иция *ж* ll אינטויִציע; по ~иции לויט דער אינטויִציע, אינטויִטיװ

инфантильный אינפאַנטילער

инфáркт *м мед.* ־ן מ אינפאַרקט

инфекциóнн||ый *мед.* אינפעקציאָנעלער, אינפעקציע־; ~ое заболевáние [אַן אָנשטעקיקע] אַן אינפעקציאָנעלע קראַנק(ה)ײַט; ~ое отделéние ־ן מ אינפעקציע־אָפּטײל

инфекция *ж мед.* ll אינפעקציע

инфинитив *м грам.* ־ן מ אינפיניטיװ

инфляция *ж эк.* ll אינפליאַציע

информáтор *м* ..טאָרן מ אינפאָרמאַטאָר

информациóнн||ый אינפאָרמאַטיװער; אינפאָרמאַציע־; ~ое бюрó ביוראָ פאַר אינפאָרמאַציע־ביוראָ ז, ll ־ען, ~ое сообщéние אינפאָרמאַטיװע מיטײלונג; אינפאָרמאַציע

информáц||ия *ж* ll אינפאָרמאַציע; получить ~ию באַקו־מען* אַן אינפאָרמאַציע; ◇ теóрия ~ии אינפאָרמאַציע־טעאָריע ll ־; срéдства мáссовой ~ии מיטלען פון מאַסן־אינפאָרמאַציע־; מאַס־מעריא מצ. *книжн.*

информировать *сов. и несов.* אינפאָרמירן

инфракрáсн||ый *физ.* אינפראַרויטער; ~ые лучи אינ־פראַרויטע שטראַלן

инфузóрия *ж зоол.* ־ס ll אינפוזאָריע

инцидéнт *м* ־ן מ אינצידענט

инъéкция *ж мед.* ־ס ll איניעקציע; ll אײַנשפּריצונג ־ען

иóн *м физ.* ־ען מ יאָן

ипподрóм *м* ־ען מ היפּאָדראָם

иприт *м хим.* מ איפּריט

ирáкский איראַקישער

ирáн||ец *м* = מ איראַנער; ~ка *ж* ־ס ll איראַנערן; ~ский איראַנישער; ~ские языки די איראַנישע שפּראַכן

ирис *м бот., анат.* מ איריס

ирис *м (конфеты)* מ איריס

ирлáнд||ец *м* = מ אירלענדער; ~ка *ж* ll אירלענדערן ־ס; ~ский אירלענדישער, אירישער; ~ский язык די אירישע שפּראַך, ז איריש

ирон||изировать *несов.* איראָניזירן; ~ический איראָני־שער

ирóния *ж* ll איראָניע; ◇ ~ судьбы א שפּאַס פונעם גורל

иррационáльн||ый איראַציאָנעלער; ~ое числó *мат.* איראַציאָנעלע צאָל

ирригациóнн||ый איריגאַציע־; ~ая систéма איריגאַציע־סיסטעם ll ־ען

ирригáция *ж* ll איריגאַציע

иск *м юр.* ll טוויע, ll מאָנונג; предъявить ~ к *кому-л.* דערלאַנגען אַף עמעצן א טוויע [א מאָנונג]; ◇ встрéчный ~ ll קעגן־מאָנונג

искажáть(ся) *несов. см.* исказить(ся)

искажéние *с* 1. (*действие*) ז פאַרקריפּלען, פאַרקריפּ־לונג ll; 2. (*неправильность*) פאַרקריפּלונג ll ־ען; (*в тексте*) פאַרגרײַזונג ll ־ען

искажённый 1. פאַרקריפּלטער, געפּעלשטער; 2. (*о лице и т. п.*) צעקריפּלטער; אויסגעקרימטער

исказить *сов.* 1. (*извратить*) פאַרקריפּלען; ~ смысл фрáзы פאַרקריפּלען דעם זין [דעם מײַן] פון דער פראַזע; ~ фáкты איבערדרײען [פעלשן] די פאַקטן; 2. (*лицо и т. п.*) צעקריפּלען; ~ся *сов.* 1. פאַרקריפּלט ווערן*; 2. (*о лице и т. п.*) צעקריפּלט ווערן*; פאַרקרימען זיך

искалéченный צעקאַליעטשעטער, צעמאַזיקטער; (*воспитанием и т. п.*) פאַרדאָרבענער, צעקאַליעטשעטער

искалéчить *сов.* צעקאַליעטשען, צעמאַזיקן; (*воспитанием и т. п.*) פאַרדאַרבן*, צעקאַליעטשען

искáния *мн.* זוכונגען מצ.; באַשטרעבונגען מצ.; (*опыты*) פּרוּוון מצ.

искáтель *м* = מ זוכער; ◇ ~ приключéний אוואַנטיו־ריסט מ ־ן

искáть *несов.* זוכן; ~ ночлéг זוכן א נאַכטלעגער; ~ спасéния זוכן א רעטונג

исключáть *несов. см.* исключить; ~ся *несов.* זײַן* אויסגעשלאָסן

исключáя *в знач. предлога* כוץ, אויסער; не ~ אַרײַנ־רעכענענדיק, ניט אויסשליסנדיק אויך

исключéни||е *с* 1. (*удаление*) ll אויסשליסונג, אויסשליסן ז; 2. (*отступление от правила*) אויסנאַם מ ־ען; в виде ~я ווי אַן אויסנאַם; без ~я אָן אויסנאַם; ◇ за ~ем אויסער, כוץ

исключительно 1. *нареч.* (*особенно*) אויסשליסלעך, אַן אויסשליסלעך [א ביז גאָר]; ~ интерéсный доклáд ביז גאָר אינטערעסאַנטער פּאָרטראָג [גאָר]; 2. *в знач. частицы* (*лишь*) אויסשליסלעך, נאָר, בלויז; он читáет ~ стихи ער לייענט אויסשליסלעך [נאָר, בלויז] לידער

исключительн||ый 1. (*представляющий исключение*) אויסנאַם־, אויסנעמלעכער; (*необыкновенный*) אויסערגעוויינ־לעכער; ~ый слýчай אויסנאַם־פאַל מ ־ן; ~ые способ-ности אויסערגעוויינלעכע פעיִקײטן; 2. (*абсолютный, чрезвычайный*) אויסשליסלעכער; ~ое прáво דאָס אויס־שליסלעכע רעכט

исключ||ить *сов.* 1. אויסשליסן*; ~ить из списка אויס־שליסן* פונעם צעטל; 2.: не ~енá возмóжность ס'איז ניט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקײט; не ~енó ס'קאָן זייער שיין זײַן, ס'איז ניט אויסגעשלאָסן

исковéрканный 1. צעשעדיקטער; 2. *перен.* צעקאַליע־טשעטער; 3. (*искажённый*) פאַרקריפּלטער

исковéркать *сов.* 1. צעשעדיקן, מאַכן א טעל (פון); 2. *перен.* צעקאַליעטשען; ~ жизнь *кому-л.* צעקאַליע־טשען [מאַכן טיל־טעל פון] עמעצנס לעבן

исколесить *сов. разг.* אויספאָרן*, (איבער) אויסשפּאַנען; ~ всю странý אויספאָרן* דאָס גאַנצע לאַנד

исколóть *сов.* 1. צעשטעכן*; 2.: кáрта былá искóлота флажкáми אַף דער מאַפּע זײַנען געווען דורכויס אָנגע־שטאָכן פענדעלעך

искóм||ый געזוכטער; ~ая величинá די געזוכטע גרייס

искóнн||ый אייביקאָניקער; ~ые зéмли די אור־אייגענע לאַנד־שטאָכים; ~ые обитáтели אור־אײַנוווינער מצ., די אַלטע [די דוירעסדיקע] אבאָריגענען מצ.; ~ые правá לעבנסרעכט מצ.; רעכט

ископа́ем||ый 1. אויסגעגראָבענער; 2. *в знач. сущ. с:* поле́зные ~ые נוצלעכע אויסגראָבונגען [מינעראַלן]

искорени́ть *сов.*, **искореня́ть** *несов.* אויסוואָרצלען, אויס־קאָרעניען, אויסניקערן; ~ бюрократи́зм אויסוואָרצלען [אויסקאָרעניען, אויסניקערן] דעם ביוראָקראַטיזם

и́скоса *нареч.* קאָסע, קרום, שיִקלדיק; ~ смотре́ть на *кого-л.* שיִקלדיק [קאָסע] קוקן אף עמעצן; *перен.* קרום [קאָסע] קוקן אף עמעצן

и́скр||а *ж прям. и перен.* פונק ת -ען; электри́ческая ~а אן עלעקטרישער פונק; ~а надéжды א פונק [א ברעקעלע] האָפענונג; ни ~ы чу́вства קיין מינדסט געפיל; ◇ у него́ ~ы из глаз посы́пались *(от боли и т. п.)* ס'האָבן גענומען שפּריצן פונקען פון זײַנע אויגן; ער האָט דערזען פאַר זיך דעם מאַלעכ(ה)אַמאָוועס

и́скренний אופריכטיקער

искриви́ть *сов.* 1. אויסקרימען; 2. *(лицо и т. п.)* פאַרקרימען; ~ся *сов.* 1. אויסקרימען זיך, אויסגעקרימט ווערן*; 2. *(о лице и т. п.)* פאַרקרימען זיך

искривля́ть(ся) *несов. см.* искриви́ть(ся)

искри́стый פינקלדיקער; שוימענדיקער

искри́ться *несов.* 1. פינקלען; 2. *тв.* שפּריצן (מיט); глаза́ его́ искри́лись весёлым זײַנע אויגן האָבן געשפּריצט מיט לוסט, אין זײַנע אויגן האָט געלויכטן לוסט

искромса́ть *сов. разг.* צעפּיצלען, צעשנײַדן* אף פּיצ־פּיצלעך

искроши́ть *сов.* צעברעקלען, צעקרישען

искупа́ть[1] *сов. (вы́купать) разг.* אויסבאָדן*; ~ся *сов. разг.* אויסבאָדן* זיך, אָפּבאָדן* זיך

искупа́ть[2] *несов. см.* искупи́ть

искупи́тельн||ый אויסקויף־; ~ая жéртва אויסלייז־קאָרבן ת (מצ. ..קאָרבאָנעס)

искупи́ть *сов.* אויסקויפן; ~ вину́ אויסקויפן [פאַרגלעטן] די שולד

искуплéние *с* אויסקויף ת; ~ вины́ דער אויסקויף פאַר דער שולד, דאָס אויסקויפן די שולד

искуса́ть *сов.* צעבײַסן*

искуси́тель *м уст.* יעיצערהאָרע ת

искуси́ть *сов. см.* искуша́ть

иску́сн||ик *м разг.* מומכע ת (מצ. מומחים), בעריע ת -ס, מײַסטער ת -ס; ~ица *ж* בעריע ׀׀ -ס, מײַסטערין ׀׀ -ס; ~ый 1. *(уме́лый)* בעריעשער, געניטער, אויסגע־צײַכנטער; 2. *(выполненный мастерски)* מײַסטערהאַפ־טער, קונציקער

иску́сственн||ый 1. קינסטלעכער; ~ое волокно́ קינסט־לעכע פאַזערן; ~ое дыха́ние קינסטלעכע עטעמונג; ~ый спу́тник Земли́ א קינסטלעכער סאַטעליט [א ספּוטניק] פון דער ערד; 2. *(притво́рный)* געמאַכטער, פאַלשער; ~ая улы́бка א געמאַכטער [א פאַלשער] שמייכל

иску́сств||о *с* 1. קונסט ׀׀ -ן; вое́нное ~о מיליטער־קונסט ׀׀; произведе́ния ~а קונסטווערק מצ.; 2. *(уме́ние)* בעריע־שאַפט ׀׀, מײַסטערשאַפט ׀׀, קענען ׀; владе́ть ~ом звукоподража́ния פאַרמאָגן די קונסט [די פעיִקײַט] פון אימי־טירן קלאַנגען; ~о воспи́тывать, ~о воспита́ния די קונסט [די פעיִקײַט] צו דערציִען, די דערציִונגס־קונסט; покажи́-ка своё ~о ווײַז נאָר, וואָס דו קענסט, ווײַז דײַן בעריעשאַפט; ◇ изя́щные ~а שײנקונסטן מצ.

искусствове́д *м* = ת קונסט־פאָרשער; ~ение *с* קונסט־קענטעניש ׀׀

искуша́ть *сов.* ברענגען* צו א ניסאָיען, אויספּרוּוון; ◇ ~ судьбу́ (אויס)פּרוּוון דאָס מאַזל

искуше́ние *с* ניסאָיען ת (מצ. ניסיוינעס); ~ бы́ло велико́ ס'איז געווען גרויס [שטאַרק] דער יעיצערהאָרע

искушённый גוט־באַהאַוונטער, דערפאַרענער

исла́м *м* איסלאַם ת

исла́нд||ец *м* = ת איסלענדער; ~ка *ж* איסלענדערין ׀׀ -ס; ~ский איסלענדישער; ~ский язы́к די איסלענדישע שפּראַך, איסלענדיש ׀

испа́н||ец *м* = ת שפּאַניער; ~ка *ж* שפּאַניערין ׀׀ -ס; ~ский שפּאַנישער; ~ский язы́к די שפּאַנישע שפּראַך, שפּאַניש ׀

испаре́ни||е *с* אויסדאַמפן ׀, אויסדאַמף ת -ן, אויסדאַמ־פונג ׀׀ -ען; вре́дные ~я שעדלעכע אויסדאַמפ(ונגע)ן

испа́рина *ж* שווייס ת, מצ. שווייסטראָפּנס

испари́ть *сов.* אויסדאַמפן; ~ся *сов.* 1. אויסדאַמפן זיך, אויסגעדאַמפט ווערן*; 2. *разг. (исчезнуть)* (ווי) אויסרינען*, נעלעם ווערן*

испаря́ть(ся) *несов. см.* испари́ть(ся)

испа́чкать *сов.* אויספּאַטשקען, אויסשמירן; ~ся *сов.* אויספּאַטשקען זיך, אויסשמירן זיך

испе́чь *сов.* אָפּבאַקן*

испещри́ть *сов.*, **испещря́ть** *несов.* אויסשפּרענקלען; ~ на́дписями באַדעקן מיט אויפשריפטן

исписа́ть *сов.* 1. *(заполнить знаками)* פאַרשרײַבן*; листо́к испи́сан ци́фрами דאָס גאַנצע בלעטל איז פאַר־שריבן מיט ציפערן; 2. *(израсходовать на писание)* אויסשרײַבן*; ~ся *сов. разг.* 1. אויסשרײַבן* זיך; 2. *(о писателе)* אויסוועפּן זיך

испит||о́й *разг.* אויסגעצערטער; ~о́е лицо́ אן אויסגע־מאָגערט און בלאַס פּאָנעם

испове́довать *сов. и несов.* 1. *(кого-л.) церк.* אויס־הערן עמעצנס אַלכעט; *(умирающего)* אויסהערן עמעצנס ווידוי; 2. *тк. несов.* געהערן צו (א גלויבן); ~ исла́м געהערן צום איסלאַם [מוסולמענישן גלויבן], זײַן* א מו־סולמענער; ~ся *сов. и несов.* מיסוואָדע זײַן* זיך; *перен. тж.* עפענען פאַר עמעצן דאָס האַרץ

и́споведь *ж* 1. *церк.* דאָס מיסוואָדע זײַן זיך; *(умирающего)* ווידוי ׀׀; 2. *перен.* הישטאַפּכעס־האַנעפּעש ׀, ווידוי ׀׀

и́сподволь *нареч.* פאַמעלעכן (אַזוי), ביסלעכווײַז, פּאַוואָ־לינקע

исподло́бья *нареч.*: смотре́ть ~ קוקן בײַז(לעך); קוקן מיט אומצוטרוי

исподтишка́ *нареч.* שטילינקערהייט, ביגנייווע

испоко́н: ~ веко́в, ~ ве́ку פון אייביק אָן, פון דאָר־דוירעס

исполи́н *м* ריז ת -ן, גיגאַנט ת -ן; ~ский ריזיקער, גיגאַנטישער; ~ская си́ла ריזיקע קראַפט; челове́к ~ского ро́ста א מענטש א ריז

исполко́м *м* (исполни́тельный комите́т) אויספּירקאָם ת -ען (אויספּיר־קאָמיטעט)

исполне́ни||е *с* 1. אויספּילונג ׀׀; привести́ в ~е אויס־פּילן, אויספירן; при ~и обя́занностей בײַם אויספּילן די פליכטן; 2. *(роли)* אויספּילונג ׀׀, שפּילן ׀; *(вокального произведения)* אויסזינגען ׀; *(инструментального произведения)* אויסשפּילן ׀; отли́чное ~е די אויסגעצייכנטע אויספּילונג

испо́лненный *(род.)* איבערגעפולט (מיט); ~ жела́ния

помо́чь вам איבערגעפולט מיטן באַגער אייך העלפן; взгляд, ~ печа́ли א טרויערפולער בליק

исполни́тель *м* 1. = מ אויספירער; 2. (*артист*) -אויס = מ פילער; (*вокалист тж.*) = מ זינגער; (*инструменталист тж.*) = מ שפילער; ~ ро́ли דער אויספילער פון דער ראָל; ~**ница** *ж* ס־ װ אויספילערן

исполни́тельн||ый 1. -אויספיר, עקזעקוטיווער; ~ая власть װ אויספיר־מאַכט, עקזעקוטיווע מאַכט; ~ый комите́т ן־ מ אויספיר־קאָמיטעט; 2. (*добросовестный*) אויספאָלגערישער; ◇ ~ый лист ס־ מ אויספיר־בויגן

испо́лни||ть *сов.* 1. אויספילן; ~ть долг דעם כוויוו אויספילן; 2. (*роль*) אויספילן, שפילן; (*вокальное произведение*) *אויסזינגען; (*инструментальное произведение*) -אויס שפילן; ~**ться** *сов.* 1. (*осуществиться*) *אויסגעפילט ווערן, *מעקויעם ווערן, *דערפילט ווערן; моё жела́ние ~лось מיין ווונטש איז אויסגעפילט [דערפילט, מעקויעם] געוואָרן; 2. (*о времени, сроке*) *ווערן; ~лось 35 лет со дня побе́ды над фаши́стской Герма́нией ס׳איז געוואָרן 35 יאָר זינט דעם זיג איבער דעם פאַשיסטישן דייטשלאַנד; ему́ ~лось со́рок лет ער איז אלט געוואָרן פערציק יאָר

исполня́||ть *несов. см.* испо́лнить; ~ющий обя́занности дире́ктора דער אויספילער פון די דירעקטאָר־פליכטן; вре́менно ~ющий обя́занности -צייטווייליקער פליכטן־אויס פילער

исполня́ться *несов.* 1. *см.* испо́лниться; 2. (*о музыке и т. п.*) *אויסגעפילט ווערן; исполня́ется впервы́е (*объявление*) ערשטע אויספילונג

испо́льзовать *сов. и несов.* אויסניצן

испо́ртить *сов.* 1. קאַליע מאַכן, איבערפירן; *перен.* קאַליע מאַכן; ~ настрое́ние קאַליע מאַכן די שטימונג; 2. (*развратить*) *פאַרדאַרבן; ~ся *сов.* *קאַליע ווערן; (*ухудшиться*) *ערגער ווערן

испо́рченный 1. קאַליע־געוואָרענער; 2. (*развращённый*) פאַרדאָרבענער

исправи́тельн||ый -אויסבעסער; ~ая коло́ния -אויס בעסער־קאָלאָניע װ ס־

испра́вить *сов.* 1. (*починить*) פאַריכטן; 2. (*устранить ошибки*) פאַריכטן; (*текст*) אויספאַריכטן, אויסבעסערן; испра́вленное изда́ние אויסגעבעסערטע אויפלאַגע; 3. (*кого-л.*) אויסבעסערן

исправле́ни||е *с* ען־ װ אויסבעסערונג; внести́ ~я -אויס פאַריכטן, מאַכן אויסבעסערונגען, בעסערן

исправля́ть(ся) *несов. см.* испра́вить(ся)

испра́вн||ость *ж*: всё в ~ости אלץ איז ווי ס׳דאַרף צו זיין; мото́р в ~ости דער מאָטאָר אַרבעט נאָרמאַל; ~ый 1. רעגולערער, גאַנצער; 2. (*старательный*) -אקו ראַטער, פּינקטלעכער

испражн||е́ния *мн.* .מצ עקסקרעמענטן, װ צויע; ~и́ться *сов.*, ~я́ться *несов.* אויסליידיקן זיך

испро́бовать *сов.* אויספּרוּוון; ~ все сре́дства -אויס פּרוּוון [איבערפּרוּוון] אַלע מיטלען

испу́г *м* מ דערשרעק, מ (איבער)שרעק; с ~у פאַר דערשרעק; в ~е אין דערשרעק

испу́ганн||о *нареч.* מיט שרעק; ~ый דערשראָקענער, איבערגעשראָקענער; (*о взгляде*) צעשראָקענער; ~ый крик ד דערשרעק־געשריי

испуга́ть *сов.* *דערשרעקן, *איבערשרעקן; ~ся *сов.* *דערשרעקן זיך, *איבערשרעקן זיך

испуска́ть *несов.*, **испусти́ть** *сов.* (פון זיך) *אַרויסלאָזן; испусти́ть крик *אַרויסלאָזן א געשריי; испуска́ть за́пах *чего-л.* הערן זיך מיט עפּעס; ◇ испусти́ть дух -אויס הויכן די נשמה [דעם לעצטן אָטעם]

испыта́ни||е *с* 1. (*проверка качеств*) װ אויספּרוּווּנג, די אויספּרוּוונג פון נוקלעאַרן וואָפן; ~е я́дерного ору́жия ן־ מ אויספּרוּוו; ~е вре́менем פּרוּוו מיט [דורך] צייט; 2. (*экзамен*) ס(ע)־ מ עקזאַמען; ד פאַרהער *уст.*; 3. (*переживание*) (נסיונות .מצ) מ ניסאָיען, ן־ מ פּרוּוו

испы́танный אויסגעפּרוּווטער

испыта́тель *м* = מ אויספּרוּווער; ~ный (אויס)פּרוּוו-; ~ный срок ען־ מ אויספּרוּוו־טערמין; ~ный полёт ען־ מ פּרוּוופלי, ן־ מ פּרוּוופלוג

испыта́ть *сов.* 1. (*проверить*) אויספּרוּוון; ~ самолёт אויספּרוּוון דעם עראָפּלאַן; 2. (*ощутить*) פאַרזוכן, -פאַר (פון) זוכן דעם טאַם; (*боль, горе*) *אויסשטיין, -איבער *ליידן; ~ на себе́ אויספּרוּוון אף זיך

испыту́ющ||ий: ~ий взгляд דורכדרינג(ענד)יקער בליק; ~е смотре́ть דורכדרינג(ענד)יק קוקן

испы́тывать *несов.* 1. *см.* испыта́ть; 2.: ~ недоста́ток в *чём-л.* האָבן* ווייניק [קאַרג], ניט האָבן* גענוג עפּעס עפּעס

иссле́дование *с* 1. (*действие*) װ אויספאָרשונג; проводи́ть ~ אויספאָרשן, מאַכן אן אויספאָרשונג; ~ косми́ческого простра́нства די אויספאָרשונג פונעם קאָסמישן רוים; 2. (*научный труд*) ן־ װ פאָרש־אַרבעט

иссле́дователь *м* = מ פאָרשער; (*чего-л.*) אויספאָרשער (פון) = מ; ~ский -פאָרש; פאָרשערישער; ~ская рабо́та ן־ מ פאָרש־אַרבעט; ~ский дух פאָרשערישער גייסט

иссле́довать *сов. и несов.* 1. (*научно*) דערלערנען, אויספאָרשן; 2. (*тщательно осмотреть*) אויספאָרשן, גוט° באַטראַכטן

и́сстари *нареч.* פון אמאָל, פון די (גאָר) אַלטע צייטן

исстрада́ться *сов.* ביז גאָר אָנליידן* זיך

исступле́ни||е *с* ווילדע אופרעגונג; в ~и אין ווילדער אופרעגונג; ווי א מעטורעף

иссуша́ть *несов.*, **иссуши́ть** *сов.* אויסטריקענען; *перен.* אויסצערן

иссяка́ть *несов.*, **исся́кнуть** *сов.* אויסשעפּן זיך; *перен. тж.* *אויסגעשעפּט ווערן

иста́птывать *несов. см.* истопта́ть

истека́ть *несов. см.* исте́чь

исте́кш||ий פאַרגאַנגענער; в ~ем году́ -אינעם פאַרגאַנ גענעם יאָר

исте́рзанн||ый 1. (*израненный*) צעפּאַסעוועטער, -צעלע כערטער (פון ווונדן); (*измученный*) צעווייטיקטער; ~ая душа́ א צעווייטיקטע נשאָמע; 2. (*растрёпанный*) -צעשוי בערטער; קלאָגעדיקער

истерза́ть *сов.* 1. (*изранить*) צעקאַרדאַשען, -צעפּאַ סעווען; (*изуродовать*) צעקריפּלען; 2. (*измучить*) -אויס פייניקן

исте́р||ик *м разг.* = מ היסטעריקער; ~ика *ж* -היס טעריק(ע) װ; אן אָנפאַל פון היסטעריע; би́ться в ~ике האָבן* די היסטעריק; ◇ впада́ть в ~ику, зака́тывать ~ику אָפּשפּילן א היסטעריק; ~и́ческий היסטערישער; ~и́чка *ж разг.* ס־ װ היסטעריקערן, ס־ װ היסטעריטשקע

истери́я *ж* װ היסטעריע; ◇ вое́нная ~ -מילכאָמע היסטעריע װ

истéц *м юр.* = מאָנער מ; באל־טוו׳ע מ (מצ. באלע־טוו׳ע)

истечéни||е *с*: по ~и срóка אז ס׳וועט אויסגיין דער טערמין; (*о прошлом*) אז ס׳איז אויסגעגאנגען דער טערמין

истéчь *сов.* 1. (*кончиться*) אויסגיין*; срок истёк דער טערמין איז אויסגעגאנגען; 2.: ~ крóвью אָפגיין* מיט בלוט

и́стин||а *ж* עמעס מ ־ן; в э́том есть дóля ~ы אין דעם שטעקט [איז פאראָן] א שטיק עמעס; объекти́вная ~а *филос.* דער אָביעקטיווער עמעס

и́стинн||о *нареч.* בעמעס, ווירקלעך; ~ый 1. עמעסדיקער, ריכטיקער; 2. (*настоящий*) עמעסער, עכטער; ~ый друг אן עמעסער [אן עכטער] פרײַנט; э́тот ребёнок ~ое наказáние אָט דאָס קינד איז מאמעש א שטראָף פון גאָט; ◇ ~ое врéмя *астр.* די ווירקלעכע צײַט

истлевáть *несов.* 1. (*гнить*) פוילן, צעפוילט ווערן*; 2. *см.* истлéть 2

истлéть *сов.* 1. (*гнить*) צעפוילט ווערן*; 2. (*сгореть*) אויסטליִען

истóк *м* 1. אויספלוס מ ־ן; ~ реки́ טײַך־אויספלוס מ; 2. *мн. перен.* אויסקוואלן מצ.; у ~ов нóвой жи́зни בא די אויסקוואלן פונעם נײַעם לעבן

истолковáние *с* אויסטײַטשונג וו; אינטערפרעטאציע וו

истолковáть *сов.*, **истолкóвывать** *несов.* אויסטײַטשן; ~ чей-л. постýпок אויסטײַטשן עמעצנס האנדלונג

истолóчь *сов.* צעשטויסן* (אף פראָשעק)

истóма *ж* מאטקײַט וו

истоми́ть *сов.* אויסמאטערן; ~ся *сов.* אויסגעמאטערט ווערן*

истопи́ть *сов.* (*печь*) אויסהייצן

истопни́к *м* = הייצער מ

истоптáть *сов.* 1. (*топча, повредить*) צעטרעטן*, צעטאָפטשען; 2. (*испачкать*) אָנטראָגן* א מיסט (אף); 3. (*обувь*) אָפטראָגן*

истóрик *м* = היסטאָריקער מ

истори́ческ||ий היסטאָרישער; ~ий ромáн א היסטאָרישער ראָמאן; ~ая побéда דער היסטאָרישער זיג [ניצאָכן]

истóри||я *ж* 1. געשיכטע; óпыт ~и די דערפארונג פון דער געשיכטע, די געשיכטלעכע דערפארונג; ~я СССР געשיכטע פון פססר; ~я литерату́ры געשיכטע פון ליטעראטור; ליטעראטור־געשיכטע וו; ~я болéзни די געשיכטע פון דער קראנקהײַט; 2. (*повествование*) מײַסע וו ־ס, געשיכטע וו ־ס; 3. *разг.* (*происшествие*) געשיכטע וו ־ס; געשעעניש וו ־ן; מײַסע וו ־ס; неприя́тная ~я א מיעסע געשיכטע; вéчная ~я! אלעמאָל דאָס אייגענע!; вот так ~я! א שיינע מײַסע [געשיכטע]!; ◇ об э́том ~я умáлчивает *шутл.* דאָס בלײַבט א סאָד

истосковáться *сов. разг.* אויסבענקען זיך; ~ по люби́мой рабóте אויסבענקען זיך נאָך דער צום הארצן ליבער ארבעט

источáть *несов.* אויסטיילן (פון זיך), ארויסגעבן* (פון זיך); פארשפרייטן (ארום זיך)

истóчник *м* 1. *прям. и перен.* קוואל מ ־ן; горя́чий ~ א הייסער קוואל; ~ дохóда האכנאָסע־קוואל מ ־ן; ~ знáния דער קוואל פון וויסן; из достовéрных ~ов פון זיכערע קוועלן; פון באגלייבטע קוואלן; 2. (*письменный памятник*) קוועל וו ־ן; *мн. тж.* מעקוירים מצ.

истóшный *разг.*: ~ крик א ווילד געשריי

истощ||áть(ся) *несов. см.* истощи́ть(ся); **~éние** *с* 1. אויסגעצערטקײַט וו, אויסגעמאָגערטקײַט וו; ~éние пóчвы אויסגעמאָגערטקײַט פונעם באָדן; באָדן־אויסצערונג וו; 2. (*уменьшение запасов*) אויסשעפונג וו; **~ённый** אויסגעצערטער, אויסגעמאָגערטער; (*о почве*) אויסגעמאָגערטער, אויסגעשעפטער

истощи́ть *сов.* 1. אויסצערן, אויסמאָגערן; (*почву*) אויסמאָגערן; 2. (*исчерпать*) אויסשעפן; ~ся *сов.* 1. אויסגעצערט [אויסגעמאָגערט] ווערן*; (*о почве*) אויסגעמאָגערט ווערן*; 2. (*израсходоваться*) אויסשעפן זיך, אויסגיין*

истрáтить *сов.* פאטערן; (*деньги*) אויסגעבן*; (*использовать на что-л.*) פארניצן; ~ся *сов.* 1. (*израсходоваться*) געפאטערט ווערן*, אויסגיין*; 2. *разг.* (*потратить все деньги*) אויסברענגען* זיך

истреби́тель *м* פארניכטער מ ־ס; ~ный פארניכט־, פארניכטנדיקער; ~ный огóнь פארניכטנדיקער פײַער; ~ная авиáция פארניכט־אוויאציע וו

истреби́ть *сов.*, **истребля́ть** *несов.* אויסראָטן*, פארניכטן, פארטיליקן, אויסטיליקן

истреблéние *с* פארניכטונג וו, אויסראָטונג וו

истрёпанный צעריסענער, צעפליקטער; (*об одежде, обуви тж.*) אָפגעטראָגענער, אָפגעניצטער

истрепáть *сов. разг.* צערײַסן*, צעפליקן; (*одежду, обувь тж.*) אָפטראָגן*, אָפניצן; ◇ ~ нéрвы אויסמאטערן די נערוון

истукáн *м* געץ מ ־ן; ◇ стоя́ть как ~, стоя́ть ~ом שטיין* ווי א ליימענער גוילעם

и́стый עכטער

истязá||ние *с* פײַניקונג וו ־ען; *мн. тж.* אינוים מצ.; ~ть *сов.* פײַניקן; מוטשען *разг.*

исхóд *м* 1. (*выход из затруднений*) אויסגאנג מ, אויסוועג מ; 2. (*конец*) סאָף מ; (*результат*) אויסגאנג מ, רעזולטאט מ; реши́ть ~ борьбы́ לייזן דעם גוירל פונעם קאמף; ◇ на ~е дня (צום) סאָף טאָג; быть на ~е (*о запасах*) אויסלאָזן* זיך, אויסגיין*

исходи́ть[1] *сов.* (*обойти много мест*) אויסזײַן*, אויסגיין*

исходи́ть[2] *несов.* 1. (от, из *род*) גיין* (פון); (*о слухах и т. п. тж.*) שטאמען; от когó э́то исхóдит? פון וועמען שטאמט עס?, ווער האָט עס געזאָגט?; 2. (из *род.*; *основываться*) ארויסגיין* (פון), באזירן זיך (אף)

исходи́ть[3] *несов.* 1. *см.* изойти́; 2. (*о времени, сроке*) אויסגיין*, ענדיקן זיך

исхóдн||ый אויסגאנג־; ~ый пункт אויסגאנג־פונקט מ; ~ое положéние אָנפאנגלעכע [פריערדיקע] לאגע

исхудá||лый אויסגעמאָגערטער, אויסגעצערטער, אויסגעדײַווערטער; ~ть *сов.* אויסגעמאָגערט [אויסגעצערט, אויסגעדײַווערט] ווערן*

исцарáпать *сов.* צעדראפען; ~ себé ру́ки צעדראפען זיך די הענט; ~ся *сов.* צעדראפען זיך

исцелéние *с* אויסהיילונג וו; (*выздоровление тж.*) א רעפוע שליימע *уст.*

исцели́ть *сов.* אויסהיילן; ~ся *сов.* אויסהיילן זיך; האָבן* א רעפוע שליימע *уст.*

исцеля́ть(ся) *несов. см.* исцели́ть(ся)

исчáдие *с*: ~ áда מאלעך־כאבאָלע מ (מצ. מאלאכיי־כאבאָלע)

исчезáть *несов. см.* исчéзнуть

исчезновéние *с* װ פֿאַרשװוּנדונג

исчéз||нуть *сов.* 1. *פֿאַרשװוּנדן, *פֿאַרשװוּנדן װערן; *(о человеке тж.)* *נעלם װערן; 2. *разг.* *(потеряться)* *אַהינקומען, *פֿאַרפֿאַלן װערן; кудá он ~? װוּהין איז ער אַהינגעקומען [פֿאַרפֿאַלן געװאָרן]?

исчерпáть *сов. прям. и перен.* אויסשעפּן; ~ запáсы אויסשעפּן די רעזערװן; вопрóс исчéрпан די פֿראַגע איז אויסגעשעפּט; ~ся *сов.* אויסשעפּן זיך

исчéрпывать *несов. см.* исчерпáть; ~ся *несов.* 1. *см.* исчерпáться; 2. *(тв.)* *(сводиться)* באַשטיין* נאָר (אין); э́тим не исчéрпывается егó дéятельность אויסשעפּן זיך (מיט); דערמיט שעפּט זיך ניט אויס זײַן טעטיקײט

исчéрпывающий אויסשעפּ(נד)יקער; ~ отвéт אַן אויסשעפּ(נד)יקער ענטפֿער

исчислéние *с* 1. *(действие)* װ אויסרעכענונג, אויסרע-כענען ז; 2. *мат.* װ רעכענונג; дифференциáльное ~ די-פֿערענציאַלע רעכענונג

исчи́слить *сов.*, **исчисля́ть** *несов.* אויסרעכענען

исчисля́||ться *несов.* *אָפּגעשאַצט װערן; запáсы нéфти ~ются миллиóнами тонн די נאַפֿט-רעזערװן װערן אָפּגע-שאַצט אין מיליאָנען טאָן

итáк *союз* הײַסט עס, אַלזאָ; ~, вопрóс решён הײַסט עס [אַלזאָ], די פֿראַגע איז געלײזט

италья́н||ец *м* = װ איטאַליענער; ~ка *ж* איטאַליענערין ־ס װ; ~ский איטאַליעניש; ~ский язы́к די איטאַליע-נישע שפּראַך, איטאַליעניש ז

и т. д. (и так дáлее) (און אַזױ װײַטער) אאַװ.

итóг *м* ־ען װ סאַכאַקל; ~и пятилéтки די סאַכאַקלען פֿונעם פֿינפֿיאָר; подводи́ть ~и [אונטערפֿירן] *אונטערציִען די סאַכאַקלען; ◇ в ~е אין סאַכאַקל; в конéчном ~е אין לעצטן סאַכאַקל; ~ó *нареч.* אינײנעם, סאַכאַקל

итóгов||ый 1. סאַכאַקל־; ~ая сýмма װ סאַכאַקל-סומע; 2. *(завершающий)* פֿאַרסאַכאַקלענדיקער

и т. п. (и томý подóбное) (און דעסגלײַכן, און דאָסגלײַכן) אדגל׳

иудéйский 1. *ист.* יעהודע־, יעהודישער; 2. *(о вероисповедании)* יודאַישער

их[1] *род. и вин. п. от* они́

их[2] *притяж. мест.* 1. זײער (מצ. זײערע) *перед. сущ., по родам и падежам не изменяется;* (װ זײערע, זײערער ז *после сущ. или перед неопред. артиклем;* их отéц זײער פֿאָטער, דער פֿאָטער זײערער; их сестрá זײער שװעסטער, זײערע א שװעסטער; их дом זײער הױז, דאָס הױז זײערס; их роди́тели זײערע עלטערן, די עלטערן זײערע; 2. *в составе сказ.* (װ זײערע, זײערער ז; זײערס, מצ. זײערע); э́то наш двор, а за ним их דאָס איז אונדזער הױף, און נאָך אים איז זײערער; газéта не моя́ и не их, её здесь ктó-то забы́л די צײַטונג איז ניט מײַנע און ניט זײערע, עמעצער האָט זי דאָ פֿאַרגעסן; кни́ги, карти́на не их די ביכער זײַנען ניט זײערע, דאָס בילד איז ניט זײערס

ихтиозáвр *м* ־ען װ איכטיאָזאַװר

ихтиолóгия *ж* װ איכטיאָלאָגיע

и́шиас *м мед.* װ אישיאַס

ишь *межд. разг.* זע אָקאָרשט, זעסט

ищéйка *ж* װ שפּירהונט (מצ. ..הינט)

ию́ль *м* װ יול; *см.* áвгуст; ~ский יול־; ~ский день יול־טאָג װ (מצ. ..טעג); *см.* áвгустовский

ию́нь *м* װ יוני; *см.* áвгуст; ~ский יוני־; *см.* áвгустовский

Й

йод *м хим., мед.* װ יאָד; ~истый: ~истые препарáты *фарм.* יאָדהאַלטיקע פּרעפּאַראַטן; ~истый кáлий *хим.* קאַליום־יאָדיד װ

йодофóрм *м фарм.* װ יאָדאָפֿאָרם

йот *м* *(буква)* ־ן װ יאָט

йóт||а *ж:* ни на ~у אױף קײן האָר ניט

К

к *предлог с дат. п.* 1. צו; подъéхать к вокзáлу צו־פֿאָרן* צום װאָקזאַל; подойти́ к *комý-л.*, к *чемý-л.* צו־גיין* צו עמעצן, צו עפּעס; вести́ к побéде פֿירן צום זיג; готóвиться к зимé גרייטן זיך צום װינטער; варéнье к чáю אײַנגעמאַכטס צו דער טײ; приби́ть *что-л.* к стенé צושלאָגן* עפּעס צו דער װאַנט; примкнýть к грýппе тури́стов צושטײן* צו אַ גרופּע טוריסטן; к семи́ прибáвить три צו זיבן צוגעבן* דרײַ; к томý же דערצו נאָך; от дóма к дóму פֿון שטוב צו שטוב; 2.: обрати́ться к специали́сту װענדן* זיך צו אַ ספּעציאַליסט; פֿרעגן בײַ אַ פֿאַכמאַן; 3. *(при обозначении срока)* צו; *(приблизительного)* אַרום; к начáлу весны́ צום אָנהײב פֿרילינג; к деся́тому áвгуста צום צענטן אױגוסט; к двум часáм צו צװײ אַזײגער; часáм к шести́ אַרום זעקס אַזײגער; к вéчеру стáло прохлáдно פֿאַרנאַכט־צו איז געװאָרן קיל־בלעך; рóвно к двенáдцати (часáм) פּונקט צװעלף אַזײ-גער; 4.: к сожалéнию צום באַדױערן; к счáстью צום גליק, גליקלעכערװײַז; ◇ к чемý э́то? צו װאָס, נאָך װאָס? דאָס צו װאָס דאַרף מען עס?, טױג עס?; э́то ни к чемý איז (אינגאַנצן) איבעריק

-ка *частица разг.* 1. *(при повелит. накл.)* נאָר, אָקאָרשט; скажи́-ка мне זאָג מיר נאָר; дáйте-ка мне э́ту кни́гу גיט מיר נאָר [אָקאָרשט] דעם דאָזיקן בוך; 2.: кýпим-ка э́ту кни́гу לאָמיר קױפֿן דעם דאָזיקן בוך; позвоню́-ка я емý לאָמיך אים אָנקלינגען

кабáк *м уст.* ־ען װ שענק; װ קאַבאַק *разг.*

кабал||á *ж* װ קנעכטשאַפֿט; быть в ~é у *когó-л.* *זײַן פֿאַרשקלאַפֿט [פֿאַרקױפֿט] בײַ עמעצן

кабáльн||ый פֿאַרשקלאַפֿנדיקער, פֿענטענדיקער; ~ый договóр אַ פֿאַרשקלאַפֿנדיקער [אַ פֿענטענדיקער] אָפּמאַך; ~ая зави́симость אַ קנעכטשאַפֿטלעכע אָפּהענגיקײט

кабáн *м* ־עס װ קאַבאַן; *(дикий тж.)* װילדער כאַזער

кабарди́н||ец *м* = װ קאַבאַרדינער; ~ка *ж* קאַבאַרדינערין ־ס װ

кабарé *с нескл.* ־ען װ קאַבאַרע

кабáтчик *м* = װ שענקער

кабачкóв||ый: ~ая икрá אײַנגעהאַקטער קאַבאַק

кабачóк[1] *м уменьш.* ־עך ז שענקל

кабачóк[2] *м* *(плод)* ־ן װ קאַבאַק

кáбель *м* ־ן װ קאַבעל

кáбельтов *м мор.* ־ס װ קאַבעלטאָװ

каби́на *ж* ־ס װ קאַבינע; *(в самолёте)* פּילאָט־קאַבינע

װ ־ס; ~ водителя שאָפֿער־קאַבינע װ ־ס; душевáя ~ דוש־קאַבינע װ ־ס

кабинéт *м* 1. קאַבינעט מ ־ן; рабóчий ~ אַרבעטס־קאַבינעט מ ־ן; зубоврачéбный ~ צײן־קאַבינעט מ ־ן; физúческий ~ (*в школе*) פֿיזישער קאַבינעט; 2. (*правительство*) מיניסטאָרן־קאַבינעט מ ־ן; сформировáть ~ בילדן אַ (מיניסטאָרן־)קאַבינעט

кабинéтный קאַבינעט־; ~ учёный קאַבינעט־געלערנטער מ ..טע; ◇ ~ рóяль קאַבינעט־ראָיאַל מ ־ן, אַ קלײנער° ראָיאַל

каблýк *м* קנאַפּל מ =, ־ען, אַפּצאַס מ ־ן; тýфли на высóких ~áх טופֿליעס מיט הויכע° אַפּצאַסן; ◇ под ~óм אונטערן קנאַפּל, אונטערן פּאַנטאָפֿל

каботáж *м мор.* קאַבאָטאַזש מ; ~**ный** קאַבאָטאַזש־; ~ное плáвание קאַבאָטאַזש־שיפֿונג װ

каб||ы *союз.* 1. (*если*) װען; 2. (*если б только*) װען נאָר; ◇ éсли бы да ~ы ≅ װען די באָבע װאָלט געהאַט אַ באָרד (װאָלט זי געװען אַ זײדע)

кавалéр[1] *м* קאַװאַלער מ ־ן

кавалéр[2] *м*: ~ Золотóй Звезды́ קאַװאַלער פֿון גאָל־דענעם שטערן

кавалерúйск||ий קאַװאַלעריע־; ~ие чáсти קאַװאַלעריע־טײלן מצ.

кавалéрия *ж* קאַװאַלעריע װ, רײַטער־מיליטער ז

кавалькáда *ж* קאַװאַלקאַדע װ ־ס

кавардáк *м разг.* קאַװאַרדאַק מ, האַלעבאָרדע װ, װיר־װאַר מ

кáверз||а *ж разг.* שפּיצל ז ־עך; שמאַד־שטיקל ז ־עך; *мн.* הינטערשיסעלעך מצ., הינטערפּיסלעך מצ., שמאַד־שטיק מצ.; ~**ный** (*запутанный, сложный*) פֿאַרשפּיצ־טער, איבערגעשפּיצטער, פֿאַרפּלאָנטערטער; ~ный вопрóс אַ פֿאַרשפּיצטע פֿראַגע

кавéрна *ж мед.* קאַװערנע װ ־ס

кавкáз||ец *м* קאַװקאַזער מ =; ~**ский** קאַװקאַזער *неизм.*

кавы́чки *мн.* גענדזנפּיסלעך מצ.; לאַפּקעס מצ. *разг.*

кадéт[1] *м ист.* (*воспитанник военного учебного заведения*) קאַדעט מ ־ן

кадéт[2] *м ист.* (*член конституционно-демократической партии*) קאַדעט מ ־ן

кадéтский *ист.* קאַדעטישער, קאַדעטן־; ~ кóрпус קאַדעטן־קאָרפּוס מ

кадúло *с церк.* קאַדילע װ ־ס; װײַרעכפֿאַן װ ־ען *разг.*

кадúть *несов.* 1. *церк.* װײַרעכערן, רויכערן; 2. (*дат.*) *перен.* צעגיסן* זיך אין שװאָכים, לויבן אין הימל אַרײַן (װעמען)

кáдка *ж* דײזשקע װ ־ס, פֿעסל ז ־עך

кадр *м фото, кино* קאַדער מ ־ס

кадрúль *ж* קאַדריל מ ־ן

кáдровый קאַדראָװע(ר) *тж. неизм.*

кáдр||ы *мн.* קאַדרען מצ.; стáрые ~ы די אַלטע קאַדרען; ◇ отдéл ~ов קאַדרען־אָפּטײל מ

кады́к *м* קנאַפּ(־גאָרגל) מ (מצ. ..קנעפּ) *разг.* אָדעמס עפּל

каёмка *ж* זױמעלע ז ־ך, קענטעלע ז ־ך

каждоднéвный אַלטעגלעכער, טאָגטעגלעכער

кáжд||ый *мест.* 1. יעדער (*им., вин. жен. р. тж.* יעדע; *им., вин. ср. р. тж.* יעדעס; *дат., вин. муж. и дат. ср. р. тж.* יעדן), יעטװידער; ~ый человéк יעדער מענטש [יעטװידער]; ~ая тропúнка יעדער סטעזשקע; в ~ом дóме אין יעדער [יעדן] הויז; на ~ом дéреве אויף יעדן בוים; 2. (*при указании на периодичность*) יעדער (מצ. יעדערע); אַלע *неизм.*; ~ую недéлю יעדער [אַלע] װאָך; ~ые два часá אַלע [יעדערע] צװײ שעה; ~ый день читáю газéту יעדן טאָג [אַלע טאָג] לײען איך אַ צײַטונג; *см.* кáждый 1; 3. *в знач. сущ. м* יעדערער, יעדער, אַיטלעכער, יעדער אײנער; от ~ого по (егó) спосóбностям, ~ому по (егó) трудý פֿון יעדערן לויט די [זײַנע] פֿעיִקײטן, יעדערן לויט דער [זײַן] אַרבעט; ~ый из вас יעדערער פֿון אײַך [אַיטלעכער]; ◇ всех и ~ого יעדן אײנעם; на ~ом шагý אויף יעדן טריט און שריט

кáжется *в знач. вводн. сл.* דוכט זיך, דאַכט זיך

кáжущийся אילוזאָרישער, געדוכטער

казáк *м* קאָזאַק מ ־ן; (*на Украине тж.*) קאָזאַק מ (מצ. קאָזאַקן)

казáлось *в знач. вводн. слова* האָט זיך געקענט דוכטן

казáрм||а *ж* קאַזאַרמע װ ־ס; ~**енный** קאַזאַרמע־; ◇ на ~енном положéнии אויף אַ קאַזאַרמע־רעזשים

казáться *несов.* 1. *אויסזען צו זײַן; דאַכטן [דוכטן] זיך; он казáлся чéм-то обеспокóенным ער האָט אויסגעזען צו זײַן באַאומרויִקט פֿון עפּעס; в темнотé дерéвья казáлись вы́ше אין דער פֿינצטער האָבן די בײמער אויסגעזען העכער; ~ молóже своúх лет *אויסזען (צו זײַן) ייִנגער װי ער איז אַלט; 2. *безл.* *אויסװײַזן זיך, דאַכטן [דוכטן] זיך; емý казáлось, бýдто за ним следя́т אים האָט זיך אויסגעװיזן [האָט זיך געדוכט], אַז מע שפּירט אים נאָך

казáх *м* קאַזאַך מ ־ן; ~**ский** קאַזאַכישער; ~ский язы́к קאַזאַכיש ז, די קאַזאַכישע שפּראַך

казáцкий קאָזאַקישער

казáчество *с собир.* קאָזאַקן מצ., קאָזאַקנטום ז

казáч||ий קאָזאַקישער; ~ья сóтня אַ קאָזאַקישע סאָטניע [מײע], אַ סאָטניע [אַ מײע] קאָזאַקן

казáчка *ж* קאָזאַטשקע װ ־ס, קאָזאַקן־פֿרוי װ ־ען

казачóк *м* (*танец*) קאָזאַטשאָק מ, קאָזאַצקע װ

казáшка *ж* קאַזאַכן װ ־ס

казеúн *м* קאַזעיִן מ, קעז־שטאָף מ

казённ||ый 1. *уст.* מלוכישער; קאַזיאָנע(ר) *тж. неизм.*; на ~ый счёт אויף קאַזיאָנעם כּעשבן; 2. *перен.* קאַזיאָ־נע(ר) *тж. неизм.*, פֿאָרמעלער; ~ое отношéние к дéлу אַ קאַזיאָנע [אַ פֿאָרמעלער] צוגאַנג צום איניען [צו דער זאַך]; ~ый стиль אַ סקאַרבאָװער סטיל; ◇ ~ая часть (*орýжия*) דער קאַזיאָנע [דער הינטערשטער] טײל

казинó *с нескл.* קאַזינאָ מ ־ען

казначéй *м* קאַזנאַטשײ מ ־ען; ~**ский**: ~ский билéт קאַזנאַטשײסטװע־בילעט מ ־ן (פּאַפּירגעלט: 1, 3, 5 רובל); ~ство *с ист.* קאַזנאַטשײסטװע װ

казнúть 1. *несов. и сов.* הינריכטן; (*обезглавить*) קעפּן; 2. *несов. перен.* פּײַניקן; ~ся *несов.* *אופֿעסן זיך (אַ לעבעדיקן, לעבעדיקערהײט)

казнокрáд *м* אַמט־גאַנעװ מ (מצ. ..גאַנאָװים)

казн||ь *ж* הינריכטונג װ; (*отсечение головы*) קעפּונג װ; смéртная ~ь טויט־שטראָף װ; приговорúть *кого-л.* к смéртной ~и פֿאַרורטײלן, פֿאַרמישפּטן עמעצן צום טויט, עמעצן צו טויט־שטראָף

казуи́стика *ж* || קאַזויִסטיק

ка́зус *м* קאַזוס מ ־ן; *разг. тж.* || פּאַסירונג ־ען

кайм||а́ *ж* || זוים, ־ען קאַנט מ ־ן; *перен.* ראַנד(פּאַס) מ ־ן; ска́терть с ~о́й אַ טישטעך מיט אַ זוים [מיט אַ קאַנט]; ~а́ из дере́вьев по кра́ю доро́ги אַ ראַנדפּאַס פון ביימער באַם ברעג וועג

как 1. *нареч.* (*каким образом*) ווי, וויאַזוי; ~ вы сюда́ попа́ли? ווי(אַזוי) קומט איר אַהער?; ~ вы нас нашли́? וויאַזוי האָט איר אונדז געפונען?; ~ вы сказа́ли? ווי האָט איר געזאָגט?; ~ пройти́ на Кра́сную пло́щадь? וויאַרום גייט מען [קומט מען] צום רויטן פּלאַץ?; 2. *частица*: ~ краси́во! ווי שיין!; ~ я его́ жале́ю! איך האָב אַף אים אַזאַ ראַכמאָנעס!; 3. *частица* (*выражает негодование*) וואָס, סטייטש; ~! Вы мне не ве́рите? וואָס [סטייטש], איר גלייבט מיר ניט?; 4. *частица* (*выражает внезапность*) אַז… ניט; он ~ вско́чит אַז ער טוט ניט אַ שפּרונג; 5. *союз* (*сравнительный*) ווי; бе́лый ~ снег ווייַס ווי שניי; 6. *союз* (*в качестве*) ווי, אַלס; ~ врач я не могу́ вам э́того разреши́ть ווי אַ [אַלס] דאָקטער קען איך עס אייַך ניט דערלויבן; 7. *союз* (*временной*): с того́ вре́мени ~ זינט; с того́ дня, ~ זינט יענעם טאָג, ווען; едва́…, ~ ווי נאָר…, אַזוי (באַלד); едва́ я просну́лся, ~ послы́шался звоно́к ווי נאָר כ'האָב זיך אופגעכאַפּט, אַזוי (באַלד) האָט זיך געלאָזט הערן אַ קלונג; вся́кий раз, ~… ווען… נאָר…; יעדער מאָל, ווען…; ~ то́лько ווי נאָר, באַלד ווי; 8. *союз* (*кроме*) אויב ניט, כוץ; кому́ же, ~ не тебе́ знать ווער זשע נאָך כוץ דיר [ווער זשע, אויב ניט דו] קען וויסן; 9. *союз* (*присоединяющий дополнительные придаточные предложения*) ווי; мы не заме́тили, ~ он вошёл מיר האָבן ניט באַמערקט, ווי ער איז אַרייַנגעקומען; ◇ ~ бу́дто 1) ווי גלייַך; 2) (*кажется*) דאַכט [דוכט] זיך; ~ бы то ни́ было ווי ס'זאָל [ווי די זאַך זאָל] ניט זייַן; ~ же (אַנדערש) ווי דען, אוואַדע, געוויס; ~ мо́жно (*по возможности*) וואָס, מעגלעכסט; ~ мо́жно скоре́е וואָס [מעגלעכסט] גיכער; ~ нельзя́ лу́чше אַזוי אַז בעסער קאָן שוין (גאָר) ניט זייַן; ~ ни: ~ мы ни спеши́ли, а к по́езду опозда́ли ווי מיר האָבן זיך ניט געייַלט, דאָך האָבן מיר צום צוג פאַרשפּעטיקט

кака́о *с нескл.* 1. (*порошок, напиток*) || קאַקאַאָ; 2. (*дерево*) קאַקאַאָ־בוים מ (מצ. ..ביימער)

ка́к-либо *нареч. см.* ка́к-нибудь 1.

ка́к-нибудь *нареч.* 1. (*каким-либо образом*) ווי־(ס'איז־)ניט־איז, ווי־עס־איז; 2. *разг.* (*кое-как*) אַבי ווי, ווי־ניט־איז; 3. *разг.* (*когда-нибудь в будущем*) ווען־ניט־איז

како́в *мест.* 1. ווי(אַזוי) *неизм.*; ~о́ же бы́ло моё удивле́ние ווי גרויס איז געווען מייַן פאַרוווּנדערונג, ווי פאַרוווּנדערט בין איך געווען; ~а́ погре́шность в вычисле́ниях? ווי גרויס איז דער טאָעס אין די אויסרעכענונגען?; 2. (*с оттенком восхищения или возмущения*) ווי געפעלט אייַך, אַ מין; ~ храбре́ц! אַ מין בראַוווער יונג!; ~ы поря́дки? ווי געפעלן אייַך עפּעס די פירעכצן?; 3. *в знач. союза* וואָס פאַר אַ, וואָסער; тру́дно сказа́ть, ~ бу́дет урожа́й שווער צו זאָגן, וואָס פאַר אַ גערעטעניש ס'וועט זייַן; ◇ ~ поп, тако́в и прихо́д ≅ וואָסער פּאַסטעך, אַזעלכע שאָף

каково́ *нареч.* 1. *вопросит.* וויאַזוי; ~ ей тепе́рь! וויאַזוי מוז זי זיך פילן איצט?; ~ э́то слы́шать! ס'איז עפּעס גוט צו הערן אַזעלכס?; 2.: ~! ווי געפעלט עס אייַך?

как||о́й *мест.* 1. וואָס פאַר אַ (מצ. וואָס פאַר (אַ)), וואָסער אַ (מצ. וואָסערע) *по родам и падежам не изменяются*; ~а́я сего́дня пого́да? וואָס פאַר אַ [וואָסער אַ] וועטער איז הייַנט?; не зна́ю, ~у́ю вам дать кни́гу כ'ווייס ניט, וואָס פאַר אַ [וואָסער אַ] בוך זאָל איך אייַך געבן; ~о́е сего́дня число́? וואָסער אַ דאַטע האָבן מיר הייַנט?; 2. (*который — из ряда предметов*) וועלכער; ~о́й каранда́ш пи́шет лу́чше? וועלכער בלייַער שרייַבט בעסער?; 3. (*в восклицании*) סאַראַ, אַ מין; ~о́й краси́вый цвето́к! סאַראַ [אַ מין] שיינע בלום!; ~о́й он энерги́чный! אַ מין [סאַראַ] ענערגישער ער איז!; ~а́я пре́лесть! 1) (*о чём-л. красивом*) סאַראַ שיינקייט (דאָס איז)!; 2) (*о чём-л. хорошем*) סאַראַ מעכייַע (דאָס איז)!; 3) (*о человеке*) אַ מין גאָלד ער [זי] איז!; 4. (*в риторическом вопросе*): ~о́й же он писа́тель? אויך מיר (מישטיינס־געזאָגט) אַ שרייַבער!; ~о́й (же) я музыка́нт? ווי קום איך צו זייַן אַ מוזיקאַנט?; ◇ ~о́й уго́дно, ~о́й бы то ни́ было וואָסערער ס'זאָל ניט זייַן; ~о́й бы: в ~о́й бы дом он ни зашёл… אין וואָסער שטוב ער זאָל ניט אַרייַנקומען…

како́й-либо *см.* како́й-нибудь 1

како́й-нибудь *мест.* 1. וועלכער־ניט־איז (אַ); (אַ) וואָסער־ניט־איז *по родам не изменяется*; найти́ ~ вы́ход געפינען* אַ וועלכן־ניט־איז אויסוועג; 2. *разг.*: за каки́х-нибудь три ме́сяца אין איינע דרייַ כאָדאָשים; оста́лось каки́х-нибудь три киломе́тра ס'איז געבליבן סאַכאַקל דרייַ קילאָמעטער

како́й-то *мест.* 1. (*некоторый, неизвестный*) עפּעס אַ; ~ стари́к останови́л меня́ на у́лице עפּעס אַן אַלטער מאַן האָט מיך אָפּגעשטעלט אין גאַס; она́ сего́дня кака́я-то бле́дная זי איז הייַנט עפּעס אַ בלאַסע; 2. (*похожий на что-л.*) עפּעס (אַ מין); אַזאַ; э́то пря́мо кака́я-то боле́знь דאָס איז עפּעס אַ (מין) קרענק; 3. (*в риторическом вопросе*) ווער ווייסט, וואָס פאַר; кака́я-то бу́дет зима́? ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ ווינטער ס'וועט זייַן!

какофо́ния *ж* || קאַקאָפאָניע

ка́к-то *нареч.* 1. ווי־ניט־איז; ему́ ~ удало́сь ס'האָט זיך אים ווי־ניט־איז אייַנגעגעבן; мне ~ неприя́тно ס'איז מיר עפּעס ניט אָנגענעם; 2. (*однажды*) איינמאָל; ~ раз איינמאָל; ~ ве́чером איינמאָל אָפּדערנאַכט; 3. *в знач. частицы разг.* (*а именно*) דהייַנו; 4. (*в риторическом вопросе*) ווי… עס; ~ нас встре́тят? ווי וועט מען עס אונדז באַגעגענען?

ка́ктус *м* קאַקטוס מ ־ן

кал *м* || צויע, עקסקרעמענטן מצ.

каламбу́р *м* || ווערטערשפּיל, קאַלאַמבור מ ־ן

каланча́ *ж* פייַערלעשער־טורעם מ ־ס

кала́ч *м* קוילעטש מ ־ן; ◇ тёртый ~ *разг.* אַ גערויכערטע ליולקע; געשעדיקטער [דורכגעטריבענער] פאַרשוין; ~о́м не зама́нишь מיט קיין צוקער־לעקעכל וועסטו ניט פאַרנאַרן

кала́чиком *нареч.*: сверну́ться ~ צונויפדרייען זיך ווי אַ בייגל

калейдоско́п *м* קאַליידאָסקאָפּ מ ־ן

кале́ка *м, ж* || קאַליקע מ ־ס, קריפּל מ ־ען; (*о мужчине тж.*) באַל־מום מ (מצ. באַלע־מומים)

календа́рный קאַלענדאַר־; ~ план קאַלענדאַר־פּלאַן מ (מצ. ־פּלענער); ~ год קאַלענדאַר־יאָר ז ־ן

календа́рь *м* קאַלענדאַר מ ־ן; (*еврейский лунно-солнечный тж.*) לועך מ ־ן; отрывно́й ~ אָפּרײַס־קאַלענדאַר מ ־ן

кале́ни||е *с:* бе́лое ~е ווײַסגלי מ; кра́сное ~е רויטגלי מ; ◇ довести́ *кого-л.* до бе́лого ~я צעקאָכן עמעצן דאָס בלוט, ארויסברענגען* עמעצן פון די קײלים

калён||ый 1. (*раскалённый*) (אָנ)געגליטער; 2. (*поджаренный — об орехах и т. п.*) געפּראַזשעטער; ◇ ~ым желе́зом вы́жечь אומבעראַכמאָנעסדיק אויסאָרפען [אויסברענען, אויסניקערן]

кале́чить *несов.* 1. קאַלי(ע)טשען, מאַכן פאַר א קאַליקע; 2. *перен.* (*портить*) פאַרדאַרבן*, קאַלי(ע)טשען

кали́бр *м* קאַליבער מ

ка́лий *м* קאַליום מ

кали́йн||ый קאַליום־; ~ые удобре́ния קאַליום־באַגיטיקונגען מצ.; ~ые со́ли קאַליום־זאַלצן מצ.

кали́льн||ый גלי־; ~ая печь גלי־אויוון מ ־ס

кали́на *ж* 1. (*куст*) קאַלינע־קוסט מ; 2. *собир.* (*ягоды*) קאַלינע(ס) מצ.

кали́тка *ж* פאָרטקע וו ־ס; קאַליטקע וו ־ס *разг.*

кали́ть *несов.* 1. (*накаливать*) אָנגליען; ~ до́красна́ אָנגליען ביז רויט; 2. (*поджаривать — орехи и т. п.*) פּראַזשען

кали́ф *м* כאַליף מ ־ן, קאַליף מ ־ן; ◇ ~ на час א כאַליף אף א ווײַל(ע)

каллиграфи́ческий קאַליגראַפישער; ~ по́черк א קאַליגראַפישע האַנט־שריפט, א שײנער° קסאַוו, אן אויסגעשריבענע האַנט

каллигра́фия *ж* קאַליגראַפיע וו, שײנשריפט וו

калмы́||к *м* קאַלמיק מ ־ן; ~цкий קאַלמיקישער; ~цкий язы́к די קאַלמיקישע שפּראַך, קאַלמיקיש ז; ~чка *ж* קאַלמיקן וו ־ס, קאַלמיטשקע וו ־ס

калори́йный קאַלאָריענרײַכער

калори́метр *м физ.* קאַלאָרימעטער מ ־ס

калори́фер *м* קאַלאָריפער מ ־ס

кало́рия *ж физ.* קאַלאָריע וו ־ס

кало́ш||и *мн.* (*ед.* кало́ша *ж*) קאַלאָשן מצ.; ◇ сесть в ~у אַרײַנפאַלן* (איבער די אויערן), (מיעס) דורכפאַלן*

ка́лька *ж* קאַלקע וו ־ס

кальки́ровать *сов. и несов.* קאַלקירן

калькули́ровать *несов.* קאַלקולירן

калькул||я́тор *м* 1. קאַלקוליאַטאָר מ ־טאָרן; 2. (*прибор*) קאַלקוליאַטאָר מ ־ס; ~я́ция *ж* קאַלקוליאַציע וו

кальсо́ны *мн.* קאַלסאָנען מצ., גאַטקעס מצ.

ка́льций *м* קאַלציום מ

ка́мбала *ж* קאַמבאַלע וו, פלאָנדערקע וו; קאָמבעלע וו *разг.*

ка́мбуз *м мор.* קאַמבוז מ ־ן

камво́льный קאַמוואָל־, קאַמגאַרן־; (*из камвольной пряжи*) קאַמוואָלענער, קאַמגאַרענער

камелёк *м уменьш.* 1. (*камин*) א קלײנער° קאַמין; 2. (*очаг*) אײוועלע ז ־ך; פײַער ז

каме́лия *ж* (*цветок*) קאַמעליע וו ־ס

камене́ть *несов.* 1. פאַרשטײנערט ווערן*; (*становиться неподвижным тж.*) פאַרשטאַרט ווערן*; 2. (*становиться бесчувственным*) פאַרהאַרטעט ווערן*

камени́стый שטײנערדיקער

каменноуго́льн||ый שטײנקוילן־; ~ый бассе́йн שטײנקוילן־באַסײן מ; ~ая смола́ שטײנקוילן־סמאָלע וו, שטײנקוילן־דזעגעכץ ז

ка́менн||ый 1. שטײנערנער, שטײן־; ~ая стена́ א שטײנערנע וואַנט; ~ый дом א געמויערט הויז, מויער מ ־ן; 2. (*неподвижный*) פאַרשטײנערטער, פאַרשטאַרטער; 3. (*бесчувственный*) פאַרהאַרטעטער; (*жестокий*) האַרטהאַרציקער; ~ое се́рдце א שטײנערן [א פאַרשטאָקט] האַרץ; ◇ ~ый век שטײן־טקופע וו; ~ая соль שטײנזאַלץ וו; ~ый у́голь שטײנקוילן מצ.

каменоло́мня *ж* שטײנברעכערײַ וו ־ען

каменотёс *м* שטײנטעסער מ =

стол *м* 1. (*мебель*) טיש מ ־ן; пи́сьменный ~ שרײַבטיש מ ־ן; обе́денный ~ עסטיש מ ־ן; 2. (*приём пищи*): за ~о́м באַם טיש, באַם עסן, אַז מע עסט; за ~о́м разгово́р шёл о литерату́ре באַם טיש [באַם עסן] האָט מען געשמועסט וועגן ליטעראַטור; пригласи́ть к ~у́ (פֿאַר)בעטן* צום טיש; сесть за ~ זעצן זיך עסן, זעצן זיך צום טיש; встать из-за ~а́ אויפֿשטיין* פֿונעם טיש; собра́ть на ~ גרייטן צום טיש; 3. (*питание, еда*) עסן I; (*диета*) שפּײַז װ, מײַכאָלים מצ.; плати́ть за стол и кварти́ру צאָלן פֿאַר עסן און וווינונג; разнообра́зить ~ פֿאַרשיידנאַרטיקן די שפּײַז; моло́чный ~ א מילכיקע קיך, מילכיקע שפּײַז, מילכיקע מײַכאָלים; 4. (*отдел в учреждении*) אָפּטייל מ, טיש מ; а́дресный ~ אַדרעסן־אָפּטייל מ; ~ зака́зов דער טיש פֿאַר באַשטעלונגען; ◇ вы́ложить ка́рты на ~ אויפֿדעקן די קאָרטן

столб *м* סטויפּ מ ־עס; (*телеграфный и т. п.*) סלופּ מ ־עס; *перен.* זײַל מ; ~ ды́ма רויכזײַל מ; водяно́й ~ וואַסערזײַל מ; ◇ стоя́ть ~о́м, стоя́ть как ~ שטיין* ווי א ליימענער גוילעם

столбе́ц *м* (*газетный*) שפּאַלט מ ־ן; ~ цифр א קאָלאָנקע ציפֿערן

столбня́к *м* 1. *мед.* סטאָלבניאַק מ; שטאַר־קראַמף מ *разг.*; 2. *разг.* (*оцепенение*) פאַרשטאַרונג ו; на него́ ~ нашёл ער איז (פאַר)סטופּעניעט געוואָרן

столе́т||ие *с* 1. (*век*) יאָרהונדערט מ ־ער; 2. (*годовщина*) דער הונדערטסטער יאָרטאָג; ~ний הונדערטיאָ־ריקער; ~ний юбиле́й דער הונדערטיאָריקער יובילײ [יױוול]; ~ний стари́к א זאָקן אריבער דער מײע, א טיפער זאָקן

столе́тник *м бот.* אַלאָע ו

столи́ца *ж* הויפּט־שטאָט ו (מצ. ··שטעט); קרוינשטאָט ו *уст.*

столи́чный הויפּט־שטאָטיש, הויפּט־שטאָטישער; ~ го́род הויפּט־שטאָט ו (מצ. ··שטעט); ~ жи́тель הויפּט־שטאָט־אײַנוווינער מ =, הויפּט־שטאָטישער אײַנוווינער, דער אײַנוווינער פון דער הויפּט־שטאָט

столкнове́ние *с* צונויפשטויס מ ־ן; *перен.* צוזאַמענשטויס מ ־ן; ~ поездо́в א צונויפשטויס פון צוגן; вооружённое ~ א באַוואָפנטער צוזאַמענשטויס; ~ интере́сов צוזאַמענ־שטויס פון אינטערעסן

столкну́ть *сов.* 1. (*вниз*) אַראָפּשטופּן; (*кого-л. тж.*) אַראָפּשטויסן*; (*сдвинуть с места*) אָפּרוקן, אָפּשטופּן; ~ ло́дку в во́ду אַראָפּשטופּן דאָס שיפל אין וואַסער (אַרײַן); ~ *кого-л.* с ле́стницы אַראָפּשטופּן [אַראָפּשטויסן*] עמעצן פון די טרעפּ; 2. (*толкая, заставить удариться*) צוזאַ־מענשטויסן*; ~ лба́ми *кого-л.* צעבוצקען עמעצן; *перен.* אַרײַנברענגען* עמעצן אין א קאָנפליקט [אין א סיכסעך]; 3. (с *тв.*; *заставить встретиться*) צונויפירן (מיט); (*с врагом, с трудностями и т. п.*) צונויפשטויסן* (מיט), שטעלן פּאָנעם־על־פּאָנעם (מיט); ~ся *сов.* 1. (*удариться друг о друга; тж. перен.*) צוזאַמענשטויסן* זיך; их интере́сы столкну́лись זײערע אינטערעסן האָבן זיך סויסער געווען [צוזאַמענגעשטויסן]; 2. (с *тв.*; *встретиться*) צו־נויפשטויסן* זיך (מיט); *перен.* אָנטרעפן*, צונויפטרעפן* זיך (אַף); ~ся с тру́дностями אָנטרעפן* אַף שוועריקײטן; בלײַבן* פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט די שוועריקײטן; 3. (с *тв.*; *вступить в вооружённое столкновение*) אויפשטויסן* זיך (מיט), צוזאַמענשטויסן* זיך (מיט)

столкова́ться *сов.* קומען* צו אן אויס־גלײַך, צונויפרעדן* זיך

столова́ться *несов.* עסן*; ~ у кварти́рной хозя́йки עסן* בא דער באַלעבאָסטע (פון דער דירע)

столо́вая *ж* 1. (*в квартире*) עסצימער מ ־ן; 2. (*общественная*) גאָרקיך ו ־ן

столо́в||ый¹ 1.: ~ое серебро́ טישזילבער ז; ~ая ло́жка עסלעפל מ =; ~ая соль קיכזאַלץ ו; 2. *геогр.*: ~ые го́ры טאָוולבערג מצ.

столо́вый²: ~ гарниту́р ме́бели א מעבל־גאַרניטור [א מעבל־קאָמפּלעקט] פאַר אן עסצימער

столп *м* קאָלאָנע ו ־ס, זײַל מ ־ן; ~ы́ о́бщества די שטיצזײַלן פון דער געזעלשאַפט

столпи́ться *сов.* צונויפדרענגען זיך, צונויפשפּאַרן זיך

столпотворе́ние *с разг.* בעהאָלע ו, מעהומע ו, געטומל ז; настоя́щее ~ אן עמעסער טויהו־וואָווויהו

столь *нареч.* אַזוי; (*с прилагательным в полной ф.*) אַזאַ (מצ. אַזעלכע); э́то не ~ ва́жно דאָס איז ניט אַזוי וויכטיק; ~ неожи́данный результа́т אַזאַ אומדערוואַרטער רעזולטאַט; ~ серьёзные вопро́сы אַזעלכע וויכטיקע פראַגעס

сто́лько *нареч. и числ.* אַזויפיל; мы ~ жда́ли э́той мину́ты מיר האָבן אַזויפיל געוואַרט אַף אָט דער מינוט; там ~ цвето́в דאָרט איז אַזויפיל בלומען; мы не мо́жем теря́ть ~ вре́мени מיר קענען ניט פאַרלירן אַזויפיל צײַט; он уплати́л два рубля́, я — ~ же ער האָט אָפּגעצאָלט צוויי רובל, איך אויך אַזויפיל; он зна́ет ~ же, ско́лько и я ער ווייס(ט) פּונקט אַזויפיל, וויפל איך; не ~, ско́лько ניט אַזויפיל··· וויפל, אַזוי··· ווי; он не ~ силён, ско́лько ло́вок ער איז ניט אַזוי שטאַרק, ווי פלינק

сто́лько-то *нареч.* אַזויפיל און אַזויפל

столя́р *м* סטאָליער מ ־ס; ~ничать *несов.* זײַן* א סטאָליער, פאַרנעמען* זיך מיט סטאָליערײַ

столя́рн||ый סטאָליער־; ~ая мастерска́я סטאָליער־וואַרשטאַט מ ־ן; ~ое де́ло סטאָליערײַ ו; ◇ ~ый клей סטאָליער־קליי מ

стон *м* קרעכצן ז; (*единичный*) קרעכץ מ ־ן; (*о звуках, издаваемых неодушевлёнными предметами*) הודיען ז

стона́ть *несов.* קרעכצן; ~ от бо́ли קרעכצן פאַר ווייטיק; ~ под чужезе́мным и́гом קרעכצן אונטערן פרעמדן יאָך

стоп *межд.* סטאָפּ! שטיי!

стоп||а́¹ *ж* (*ноги́*) פוס מ (מצ. פיס); פוסזויל ו ־ן; ◇ идти́ по *чьим-л.* ~а́м גיין* מיט עמעצנס וועג; напра́вить свой ~ы́ לאָזן* זיך גיין

стопа́² *ж лит.* פערזנפוס מ

стопа́³ *ж* (*книг и т. п.*) שטויס מ ־ן; (*бумаги*) ריז מ ־ן

сто́пка¹ (*книг*) שטויס מ ־ן; (*бумаги*) ריזל ז ־עך

сто́пка² *ж* (*стаканчик*) קעלישעק מ ··שקעס, גלעזעלע ז ־ך

стоп-кра́н *м тех.* סטאָפּ־קראַן מ ־ען

сто́пор *м* אָפּשטעלער מ ־ס, סטאָפּער מ ־ס

сто́порить *несов.* אָפּשטעלן, סטאָפּערן

стопроце́нтный הונדערטפּראָצענטיקער; (*охватывающий всех тж.*) פולשטענדיקער

стопта́ть *сов.* (*каблуки*) אויסקרימען, אויסדרייען; (*обувь*) אָפּטראָגן*, אָפּניצן

сторгова́ться *сов.* אויסגלײַכן* זיך אין דער פּרײַז, אויסדינגען* זיך

стори́цею *нареч.* (בע)קייפל־קיפלאים

сто́рож *м* שומער מ (מצ. שאָמרים), וועכטער מ =; *перен. тж.* היטער מ =; ночно́й ~ נאַכטוועכטער מ =, נאַכט־שומער מ (מצ. ··שאָמרים)

сторожев||о́й וואַך־; ~а́я вы́шка וואַכטורעם מ ־ס; ~о́й разъе́зд רײַטער־פּאַטרול מ ־ן; ~а́я соба́ка וואַכהונט מ (מצ. ··הינט)

сторожи́ть *несов.* (*вин.*) 1. (*охранять*) אָפּהיטן*; (*кого-л.*) באַוואַכן; 2. (*подстерегать кого-л.*) לאָקערן, אויסקוקן (נאָך, אַף)

сторо́жка *ж* וועכטער־שטיבל ז ־עך, וועכטער־הײַזל ז ־עך

сторон||а́ *ж* 1. זײַט ו ־ן; (*направление тж.*) ריכטונג ו ־ען; сто́роны горизо́нта די זײַטן פון דער וועלט [פּנים האָריזאָנט]; в ра́зные сто́роны אין פאַרשיידענע זײַטן [ריכ־טונגען]; поверну́ть не в ту сто́рону פאַרקערעווען זיך ניט אַהין; пра́вая ~а́ у́лицы די רעכטע זײַט גאַס; со всех сторо́н פון אַלע זײַטן; отозва́ть *кого-л.* в сто́рону אָפּרופן* [אַוועקרופן*] עמעצן; сиде́ть в ~е́ זיצן* אין א זײַט

זײַט; лицевáя ~á матéрии די רעכטע זײַט פונעם שטאָף; стóроны треугóльника *мат.* די זײַטן פונעם דרײַעק; в ~é от дорóги באַזײַט פונעם וועג; 2. *перен.*: держáться в ~é האַלטן* זיך פונדערווײַטנס, שטיין* אין א זײַט; уклони́ться в стóрону *(от темы)* גיין* [אָפּווענדן זיך] אין א זײַט; со ~ы́ виднée פון דער זײַט זעט מען בעסער, א זײַטיק אויג זעט בעסער; техни́ческая ~á проéкта די טעכנישע זײַט פונעם פּראָיעקט; 3. *(край, страна)* לאַנד ז, קאַנט מ; роднáя ~á היימלאַנד ז, געבוירנלאַנד ז; на чужóй ~é אין א פרעמד לאַנד, אין א פרעמדן קאַנט, אין דער פרעמד; 4. *(в переговорах, суде и т. п.)* צאַד מ (מצ. צדאָדים); высóкие договáривающиеся стóроны די הויכע פאַרהאַנדלונגס־צדאָדים; ◇ приня́ть *чью-л.* стóрону שטעלן זיך אַף עמעצנס צאַד, אָנעמען* עמעצנס צאַד; дя́дя со ~ы́ отцá א פעטער פונעם פאָטערס צאַד; с *чьей-л.* ~ы́ פון עמעצנס זײַט; óчень ми́ло с вáшей ~ы́ ס'איז זייער שיין פון אײַער זײַט; с однóй ~ы́..., с другóй ~ы́... פון איין זײַט..., פון דער אַנדערער [צווייטער] זײַט...; моё дéло ~á איך מיש זיך ניט, דאָס איז ניט מײַן זאַך; мóжешь идти́ на все четы́ре стóроны קאָנסט דיר גיין וווּהין דו ווילסט

сторони́ться *несов.* 1. *(отходить в сторону)* אָפּגיין* אין א זײַט, מאַכן א וועג (פאַר עמעצן); 2. *(род.; избегать)* אויסמײַדן*, האַלטן* זיך אין א זײַט (פון); ~ людéй ווײַכן* פון מענטשן, מוירע האָבן* פאַר מענטשן

сторóнник *м* אָנהענגער מ =; ~и ми́ра די אָנהענגער פון שאָלעם, די, וואָס ווילן שאָלעם; быть *чьим-л.* ~ом זײַן* עמעצנס אָנהענגער

сторонóй *нареч.* בא דער זײַט; *перен.* אין א זײַט; грозá прошлá ~ דאָס געוויטער איז פאַרבײַ אין א זײַט; дождь прошёл ~ דער רעגן איז אַוועקגעגאַנגען אין דער זײַט

сторублёвый הונדערטרובלדיקער

стоси́льный: ~ трáктор א טראַקטאָר אַף הונדערט פערדקראַפט

стосковáться *сов.* (по *дат., предл.*) פאַרבענקען זיך (נאָך)

стóчн||ый: ~ые вóды אָפּפלייץ־וואַסערן מצ.; ~ая канáва רינשטאָק מ ־ן

стошни́||ть *сов. безл.*: егó ~ло ער האָט (אָפּ)געבראָכן

стоя́нк||а *ж* 1. *(остановка)* אָפּשטעל מ ־ן; *(временное пребывание)* דאָס פאַרהאַלטן זיך, שטיין ז; дли́тельная ~а א דויערנדיקער אָפּשטעל; во врéмя ~и корабля́ в портý בײַסן שטיין פון דער שיף אין פּאָרט, בײַס די שיף איז געשטאַנען אין פּאָרט; ~а автомаши́н запрещенá! אָפּשטעלן אויטאָמאַשינען איז פאַרבאָטן!; קיין אָפּשטעל־אָרט פאַר אויטאָמאַשינען; 2. *(конечный пункт; место для автомашин)* שטיי־אָרט ז (מצ. ··ערטער); ~а такси́ א שטיי־אָרט פאַר טאַקסיען; 3. *(место временного жительства)* לאַגער מ ־ן, לאַגערונג װ ־ען; ~а экспеди́ции דער לאַגער פון דער עקספּעדיציע; ~а первобы́тного человéка א לאַגערונג פון די אורמענטשן

стоя́ть *несов.* 1. שטיין*; ~ у окнá שטיין* באַם פענצטער; ~ на колéнях שטיין* אַף די קני; ~ на цы́почках שטיין* אַף די שפּיץ פינגער; ~ у станкá שטיין* באַם וועркשטעל; пóезд стои́т здесь три мину́ты דער צוג שטייט דאָ דרײַ מינוט, דער צוג שטעלט זיך דאָ אָפּ אַף דרײַ מינוט; корабли́ стоя́т в гáвани די שיפן שטייען אין האַפן; ~ на я́коре זײַן* אַפן אַנקער; пéред нáми стои́т вопрóс עס שטייט פאַר אונדז די פראַגע; 2. *(размещаться)*: рóта стоя́ла в большóм селé די ראָטע איז (אײַנ)געשטאַנען אין א גרויס° דאָרף; ~ лáгерем לאַגערן; ~ на óтдыхе אָפּרוען; 3. *(бездействовать)* שטיין*; часы́ стоя́т דער זייגער שטייט; завóд стои́т דער זאַוואָד שטייט [אַרבעט ניט]; 4. *(быть расположенным)* ליגן*, שטיין*; гóрод стои́т на рекé די שטאָט שטייט בא א טײַך; дерéвня стои́т под горóй דאָס דאָרף ליגט [שטייט] צופוסנס פונעם באַרג; 5. *(быть обозначенным)* שטיין*, זײַן*; на докумéнте стои́т пóдпись дирéктора אַפן דאָקומענט שטייט דעם דירעקטאָרס כסימע; вáша фами́лия стоя́ла в спи́ске אײַער פאַמיליע־נאָמען איז געווען [איז געשטאַנען] אינעם צעטל; 6. *(отстаивать)* שטיין*, קעמפן, זײַן*; ~ за мир זײַן* [קעמפן] פאַר שאָלעם; ~ за нарóд שטיין* [זײַן*] פאַרן פאָלק; 7.: ~ нáсмерть שטיין* ביזן סאָף, האַלטן* זיך ביז די לעצטע קויכעס; 8. *(быть, продолжаться)* שטיין*, זײַן*; стои́т си́льная жарá ס'שטייט [ס'איז] א גרויסע° היץ; стоя́ли си́льные морóзы ס'זײַנען געשטאַנען שטאַרקע פרעסט; в лесý стоя́ла тишинá אין וואַלד איז געווען שטיל; ◇ ~ во главé *кого-л., чего-л.* שטיין* אין שפּיץ [בעראָש] פון עמעצן, פון עפּעס; ~ у влáсти שטיין* [זײַן*] בא דער מאַכט; ~ на стрáже ми́ра שטיין* אַף דער וואַך פון שאָלעם; ~ над *чьей-л.* душóй שטיין* איבער עמעצן; ~ за спинóй у *когó-л.*, за *кем-л.* *(тайно покровительствовать)* האַלטן* עמעצנס צאַד, זײַן* מיט עמעצן; он стои́т на своём ער בלײַבט בא זײַנס

стоя́ч||ий שטייענדיקער; ~ий воротни́к א שטייענדיקער קאָלנער; ~ая водá שטייענדיק וואַסער; ◇ в ~ем положéнии שטייענדיק; *(о неодушевлённых предметах)* ווערטיקאַל

стóящ||ий *разг.*: ~ее дéло א קעדײַיקע [א גוטע°] זאַך [אַרבעט], פאַר דעם איז קעדײַ זיך נעמען

страдá *ж* 1. (אָנגעשטרענגטע) שניטצײַט װ; פאַרפּאָרעטקײַט װ (בײַסן שניט); 2. *перен.* אַן אָנגעשטרענגטע צײַט, א הייס שטיקל צײַט

страдáл||ец *м* לײַדנדיקער מ ··קע; *(мученик)* מאַרטירער מ =; ~ица *ж* לײַדנדיקע װ =; *(мученица)* מאַרטירערן װ ־ס

страдáльческ||ий 1. *(исполненный страданий)* פײַנפולער, יעסורימפולער; 2. *(выражающий страдание)* ווייטיקדיקער; פון א לײַדנדיקן *после сущ.*; ~ая улы́бка א ווייטיקדיקער שמייכל

страдáни||е *с* לייד װ ־ן, פײַן װ; причини́ть *кому-л.* ~я פאַרשאַפן* עמעצן לײַדן [יעסורים]

страдáтельный: ~ залóг *грам.* פּאַסיווער גענוס, פּאַסיוו מ

страдá||ть *несов.* 1. *(тв.; болезнью)* לײַדן* (פון), קראַנק [שלאַף] זײַן* (אַף); ~ть головны́ми бóлями לײַדן* [האָבן*] קאָפּווייטיק; ~ть туберкулёзом קראַנק [שלאַף] זײַן* אַף טובערקוליאָז; 2. *(тв.; иметь недостаток)* לײַדן* (פון); ромáн ~ет многослóвием דער ראָמאַן לײַדט פון ווערטער־איבערפלוס; 3. *(мучиться)* מוטשען זיך; (от *род.*) לײַדן* (פון), *(о нравственных мучениях)* פײַניקן זיך (פון); больнóй си́льно ~л דער קראַנקער האָט זיך שטאַרק געמוטשעט; ~ть от бóли לײַדן* פון ווייטיק; ~ть от тоски́ по рóдине פײַניקן זיך פון היימווי [פון נאָסטאַלגיע]; 4. (за *вин.*; *терпеть*) לײַדן* (פאַר), אויסשטיין* (פאַר); ~ть за

пра́вду לײַדן* [אויסשטיין* יעסורים] פֿאַרן עמעס; 5. (от род.; испытывать воздействие) לײַדן* (פֿון); ~ть от за́сухи לײַדן* פֿון טריקעניש; 6. (от, из-за род.; нести ущерб) האָבן* שאָדן (איבער), לײַדן* (איבער); из-за моей боле́зни рабо́та не должна́ ~ть איבער מײַן קרענק דאַרף די אַרבעט ניט לײַדן; 7. разг. (быть не на должном уровне) (אונטער)הינקען*; у ма́льчика ~ет орфогра́фия בײַם ייִנגעלע הינקט דער אויסלייג, דאָס ייִנגעלע הינקט אונטער אפֿן אויסלייג

страж *м высок.* = באוואַכער מ, = היטער מ, שומער מ (מצ. שאָמרים)

стра́ж||а *ж* וואַך וו; ◇ стоя́ть на ~е שטיין* אַף דער וואַך; быть на ~е *чьих-л.* интере́сов שטיין* פֿאַר עמעצנס אינטערעסן; взять под ~у נעמען* אונטער דער וואַך

страна́ *ж* (מצ. לענדער) לאַנד ז; родна́я ~ היימלאַנד ז; Страна́ Сове́тов סאָוועטנלאַנד, דאָס לאַנד פֿון סאָוועטן ז; ◇ стра́ны све́та די זײַטן פֿון דער וועלט [פֿון האָריזאָנט] ז;

страни́ц||а *ж* 1. זײַטל ז ־עך; откры́ть кни́гу на пя́той ~е עפֿענען דאָס [דעם] בוך אפֿן זײַטל פֿינף; 2. *перен.* בלעטל ז ־עך, קאַפּיטל ז ־עך; но́вая ~а в исто́рии на́шего го́рода א נײַ קאַפּיטל [בלעטל] אין דער געשיכטע פֿון אונדזער שטאָט; ◇ на ~ах кни́ги, газе́ты *и т. п.* אַף די שפּאַלטן פֿונעם בוך, פֿון דער צײַטונג אדג.

стра́нник *м* 1. = וואַנדערער מ; *перен. тж.* וואָגלער מ =, נאַוונאַדניק מ ־עס; 2. (*паломник*) *уст.* פּילגער מ =, פּילגרים מ ־ען, ־ס

стра́нн||о *нареч.* 1. מאָדנע, מעשונע(דיק); он ка́к-то ~о говори́т ער רעדט עפּעס מאָדנע [מעשונע(דיק)]; 2. *в знач. сказ. безл.*: ~о, что... ס׳איז א כידעש, וואָס...; как э́то ни ~о ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט זײַן [אויסזען]; **~ость** *ж* 1. (*свойство*) מאָדנעקייט וו, מעשונעדיקייט וו; 2. (*странное явление*) א מאָדנע זאַך; что за ~ость? א מין מאָדנע זאַך; челове́к со ~остями א מענטש מיט מאָדנע [מעשונעדיקע] גענג; **~ый** מאָדנע(ר) *тж. неизм.*, מעשונעדיקער, מעשונענער; ~ый вы челове́к איר זײַט א מאָדנער [א מעשונעדיקער] מענטש; ~ое совпаде́ние א מאָדנער צונויפֿאַל; ◇ ~ое де́ло א מאָדנע זאַך

стра́нств||ие *с* וואַנדערונג וו ־ען; (*поездка*) רײַזע וו ־ס; по́сле ~ий נאָכן אומוואַנדערן, נאָכן אַרומרײַזן

стра́нствовать *несов.* אומוואַנדערן; (*разъезжать*) אַרומרײַזן

стра́нствующий וואַנדערנדיקער; ~ цирк וואַנדער־צירק מ ־ן

стра́стн||о *нареч.* לײַדנשאַפֿטלעך; מיט ברען, מיט היץ; ~о люби́ть свою́ профе́ссию לײַדנשאַפֿטלעך ליב האָבן* זײַן פּראָפֿעסיע; говори́ть горячо́ и ~о רעדן* מיט היץ [מיט ברען]; ему́ ~о хоте́лось побыва́ть в Ленингра́де ער האָט געהאַט גרויס° [שטאַרק] כײשעק צו זײַן אין לענינגראַד

страстн||о́й *церк.*: ~а́я неде́ля לײַדנוואָך וו

стра́стн||ость *ж* לײַדנשאַפֿטלעכקייט וו; (*пылкость тж.*) היץ וו, ברען מ; **~ый** 1. לײַדנשאַפֿטלעכער; (*пылкий*) הייסער, היציקער; ~ое жела́ние א לײַדנשאַפֿטלעכער באַגער; ~ая любо́вь א לײַדנשאַפֿטלעכע [א הייסע] ליבע; ~ая речь א פֿלאַמיקע רעדע; 2. (*увлечённый*) פֿאַרברענטער; ~ый рыболо́в א פֿאַרברענטער פֿישכאַפּער

страст||ь¹ *ж* 1. לײַדנשאַפֿט וו ־ן; ~и разгоре́лись ס׳האָבן זיך צעשפּילט די געבליטן; ~и улегли́сь מע האָט זיך באַרויִקט; 2. (*к чему-л.; увлечённость*) ברענען ז (צו), פֿאַרליבטקייט וו (אין), (צו); ша́хматы его́ ~ь ער איז פֿאַרליבט אין שאָך

страсть² *ж разг.* (*ужас*): ~-то кака́я! א מין שרעק!; мне ~ как хо́чется посмотре́ть א שרעק, ווי מיר ווילט זיך א קוק טאָן

страте́г *м* סטראַטעג מ ־ן; **~и́ческий** סטראַטעגישער; **~ия** *ж* סטראַטעגיע וו

стратона́вт *м* סטראַטאָנאַווט מ ־ן; סטראַטאָספֿער־פֿליִער מ =

страто||ста́т *м* סטראַטאָסטאַט מ ־ן; **~сфе́ра** *ж* סטראַטאָספֿער וו

стра́ус *м* שטרויס מ ־ן

страх¹ *м* מוירע וו, שרעק מ; פּאַכעד מ; смерте́льный ~ טויט־שרעק מ; ~ наказа́ния די מוירע פֿאַר שטראָף [פֿאַר באַשטראָפֿונג]; наводи́ть ~ אָנוואַרפֿן* א מוירע [א פּאַכעד]; дрожа́ть от ~а ציטערן פֿאַר שרעק; испы́тывать ~ пе́ред *кем-л., чем-л.* ציטערן אײמעס־מאָוועס פֿאַר עמעצן, עפּעס; со ~ом и тре́петом מיט האַרץ־ציטערניש, מיט ציטער אין האַרצן; под ~ом сме́рти אונטער טויט־דראָונג; ◇ на свой ~ (и риск) אַף אייגענעם אכרײַעס

страхка́сса *ж* (страхова́я ка́сса) סטראַכקאַסע וו ־ס (סטראַכיר־קאַסע)

страхова́ни||е *с* סטראַכירונג וו; социа́льное ~е סאָציאַלע סטראַכירונג; ~е жи́зни לעבן־סטראַכירונג וו, דאָס סטראַכירן דאָס לעבן

страхова́ть *несов.* 1. סטראַכירן; (от *чего-л.*) סטראַכירן (קעגן); *перен.* פֿאַרהיטן* (פֿאַר), באַוואָרענען (פֿאַר); 2. (*альпиниста, верхолаза и т. п.— предохранять от падения*) באַוואָרענען עמעצנס זיכערהייט; **~ся** *несов.* סטראַכירן זיך; *перен. тж.* באַוואָרענען זיך (פֿאַר)

страхов||о́й סטראַכיר־; ~о́й по́лис סטראַכיר־פּאָליס מ ־ן; ~о́й фонд סטראַכיר־פֿאָנד מ ־ן; ~а́я пре́мия סטראַכיר־פּרעמיע וו ־ס

страхо́вщик *м* = סטראַכירער מ

страши́лище *с разг.* סטראַשידלע וו ־ס

страши́||ть *несов.* שרעקן*; его́ ничто́ не ~т אים שרעקט גאָרנישט ניט אָפּ, קיין זאַך שרעקט אים ניט; **~ться** שרעקן* זיך (פֿאַר), מוירע האָבן* (פֿאַר)

стра́шн||о *нареч.* 1. שרעקלעך; ~о вы́глядеть שרעקלעך אויסזען*; 2. *разг.* (*сильно*) שטאַרק, שרעקלעך; ~о боя́ться שטאַרק [שרעקלעך] מוירע האָבן*; ~о обра́доваться שטאַרק [שרעקלעך] פֿרייען זיך; 3. *в знач. сказ. безл.* (ס׳איז) שרעקלעך, א שרעק, א פּאַכעד; тут ~о остава́ться ס׳איז א שרעק [א פּאַכעד] איבערצובלײַבן דאָ, דאָ איז שרעקלעך איבערצובלײַבן; мне ста́ло ~о ס׳איז אָנגעפֿאַלן אַף מיר א פּאַכעד, איך האָב זיך דערשראָקן; ~о поду́мать, что... ס׳נעמט אָן א שרעק א טראַכט צו טאָן, אַז...; мне ~о и поду́мать, что... כ׳האָב מוירע אפֿילו א טראַכט צו טאָן, אַז...; **~ый** 1. שרעקלעכער; (*ужасный*) גרויליקער; ~ый сон א שרעקלעכער כאָלעם; ~ая смерть א גרויליקער [א שרעקלעכער] טויט; 2. *разг.* (*сильный*) שטאַרקער, שרעקלעכער; (*о холоде и т. п. тж.*) מוירע־דיקער; ~ая боль א שרעקלעכער [א שטאַרקער] ווייטיק; 3. *в знач. сущ. с*: э́то ещё не са́мое ~ое דאָס איז נאָך ניט דאָס ערגסטע, דאָס איז נאָך [דאָס וואָלט נאָך געווען] צו דערלײַדן

стрекоза́ *ж* ליבעלע וו ־ך

стрекота́ние *с (насекомых)* צירקען ז; *(соро́к)* טרעשטשען ז; *(мотора)* טאראכקען ז

стрекота́ть *несов.* 1. *(о насекомых)* צירקען; *(о соро́ках)* טרעשטשען; *(о моторе)* טאראכקען; 2. *перен.* גראגערן, פלאפלען

стрел‖а́ *ж* 1. *(прям. и перен.)* פײַל וו ־ן; пуска́ть стре́лы פײַלן שיקן; промча́ться ~о́й דורכשווינדלען [דורכפליִען*] פײַל־אויסן־בויגן; стре́лы его́ кри́тики напра́влены про́тив реакционе́ров די פײַלן פון זײַן קריטיק זײַנען געצילט קעגן די רעאקציאָנערן; 2. *(весов)* צינגל ז ־עך; 3. *(подъёмного крана)* הייבשטאנג מ ־ען; 4. *(указатель)* (אָנ)ווײַזער מ ־ס

стре́лка *ж* 1. *(часов и т. п.)* ווײַזער מ ־ס, ווײַזערל ז ־עך; 2. *ж.-д.* סטרעלקע וו ־ס; 3. *(указатель)* אָנווײַזער וו ־ס

стрелко́вый 1. שיס־; ~ спорт שיס־ספאָרט מ; 2. *воен.* שיסער־; *(пехотный)* פעכאָטנע(ר) *тж. неизм.*; אינפאנטעריע־; ~ батальо́н שיסער־באטאליאָן מ ־ען

стрело́к *м* שיסער מ =

стре́лочник *м* סטרעלאָטשניק מ ־עס, איבערשטעלער מ =

стрельб‖а́ *ж* 1. שיסערײַ וו, געשיסערײַ ז; руже́йная ~а́ א (גע)שיסערײַ פון ביקסן; ору́дийная ~а́ א (גע)שיסערײַ פון הארמאטן; откры́ть ~у́ *воен.* עפענען פײַער; 2. *тк. мн. воен.* שיס־טרעניִרונגען מצ.

стре́льбище *с* שיס־פלאץ מ (מצ. ־פלעצער)

стрельну́ть *сов. однокр.* א שאָס טאָן*

стреля́‖ть *несов.* 1. שיסן*; ~ть из винто́вки שיסן* פון א ביקס; стой, ~ть бу́ду! שטיי — אניט שיס איך!; 2. *(вин.; убивать)* (דער)שיסן*; ~ть за́йцев גיין* אף געיעג נאָך האָזן; 3. *(о боли)* שיסן*; в уша́х ~ет ס'שיסט אין די אויערן; ◇ ~ть из пу́шки по воробья́м שיסן* פון הארמאטן אף שפערלעך; ~ться *несов.* 1. *(стрелять в себя)* שיסן* זיך; 2. *(на дуэли)* דועלירן זיך

стремгла́в *нареч.* פײַל־אויסן־בויגן

стреми́тельн‖о *нареч.* ראש, אימפעטיק, האסטיק; ~ость *ж* אימפעטיקייט וו, האסטיקייט וו; ~ый 1. *(очень быстрый)* ראשער, האסטיקער; ~ый бег דער האסטיקער [דער ראשער] לויף; ~ая ата́ка א שטורמישע אטאקע; 2. *(о человеке)* אימפעטפולער; זשוואווע(ר) *тж. неизм. разг.*; 3. *(выражающий устремлённость)* אימפעטיקער; ~ая похо́дка אן אימפעטיקער גאנג

стреми́ться *несов.* שטרעבן; ~ к ми́ру שטרעבן צו שאָלעם; ~ (поступи́ть) в университе́т שטרעבן אָנצוקומען אין אוניווערסיטעט; ~ к вла́сти שטרעבן צו מאכט [צו באקומען די מאכט]

стремле́ние *с* 1. (к *дат.*; + *инф.*) שטרעבונג וו (צו), שטרעבן ז (צו); ~ к ми́ру די שטרעבונג צו שאָלעם; ~ соверше́нствоваться די שטרעבונג צו פארפולקומען זיך; 2. *мн. (помыслы, пожелания)* באשטרעבונגען מצ., אספיראציעס מצ., ווילן מ

стремни́на *ж* 1. *(реки)* שנעלשטראָם מ ־ען; 2. *(крутизна)* שטײַל מ ־ן

стре́мя *с* סטרעמען מ ־עס

стремя́нка *ж* לייטער מ ־ס

стрено́жить *несов.* פענטען

стрептомици́н *м* סטרעפטאָמיצין מ

стрептоци́д *м* סטרעפטאָציד מ

стриж *м* ברעגשוואלב וו ־ן, וואנט־שוואלב וו ־ן

стри́жен‖ый געשוירענער; *(о деревьях, газоне и т. п.)* אונטערגעשוירענער; ~ая голова́ א געשוירענער קאָפ

стри́жк‖а *ж* 1. *(действие)* שערן ז; ~а ове́ц דאָס שערן די שאָף; маши́нка для ~и воло́с שער־מאשינקע וו ־ס; 2. *(причёска)* שערפאסאָן מ ־ען; коро́ткая ~а קורצגעשוירענע האָר

стрихни́н *м* סטריכנין מ

стричь *несов.* שערן*; *(деревья, газоны и т. п.)* אונטערשערן*; ~ ове́ц שערן* די שאָף; ~ но́гти שערן* [שנײַדן*] די נעגל; ~ся *несов.* (אָפ)שערן* זיך

строга́льный: ~ стано́к הובלבאנק וו (מצ. ־בענק), הובל־ווערקשטעל מ ־ן

строга́ть *несов.* הובל(עו)ען; *(изготовлять)* אויסהובלעווען

стро́г‖ий 1. שטרענגער; *(суровый тж.)* הארטער, הארבער; ~ий учи́тель א שטרענגער לערער; ~ие ме́ры שטרענגע [הארבע] (מאָס)מיטלען; ~ий вы́говор א שטרענגער [א הארבער, א שארפער] אויסרייד; 2. *(точно выполняемый)* שטרענגער; *(точный тж.)* פינקטלעכער; *(совершенный)* שטרענגער, אבסאָליוטער, פולשטענדיקער; ~ая дие́та א שטרענגע דיעטע; ~ое разграниче́ние א שטרענגע פאנאנדערגרענעצונג; в ~ом смы́сле сло́ва אין פינקטלעכן [אין שטרענגן] זינען פונעם וואָרט; в ~ом соотве́тствии с *чем-л.* אין פולשטענדיקער [אין שטרענגער] מיטשטימונג מיט עפעס; 3. *(нравственно чистый)* שטרענגער, זויבערער; ~ие нра́вы שטרענגע זיטן; вести́ ~ую жизнь פירן א שטרענג [א זויבער, אן אומבאפלעקט] לעבן; 4. *(классически правильный)* שטרענגער; ~ая красота́ די שטרענגע שיינקייט; 5. *(без украшений)* שטרענג־פראָסטער; ~ая причёска א שטרענג־פראָסטע פריזור; ~ое пла́тье א קלייד אָן באפוצונגען, א שטרענג עלעגאנט קלייד; ~о *нареч.* 1. *(сурово)* שטרענג, הארב; ~о наказа́ть *кого-л.* שטרענג [הארב] באשטראָפן עמעצן; ~о поговори́ть с *кем-л.* רעדן* מיט עמעצן הארבע דיבורים; ~о обраща́ться с *кем-л.* באנעמען* זיך [באגיין* זיך] מיט עמעצן שטרענג; 2. *(точно, неукоснительно)* שטרענג, פינקטלעך; ~о сле́довать пра́вилам שטרענג האלטן* זיך בא די קלאָלים; 3. *(просто, без украшений)* שטרענג־פראָסט; ~о одева́ться קליידן זיך שטרענג־פראָסט; ◇ ~о воспреща́ется ס'איז שטרענג פארבאָטן [פארווערט]; ~о говоря́ אויב רעדן גענוי [פינקטלעך]; ~о-на́строго אויפן שטרענגסטן אפן; ~ость *ж* 1. שטרענגקייט וו, הארבקייט וו; ~ость наказа́ний די הארבקייט [די שטרענגקייט] פון די באשטראָפונגען; держа́ть *кого-л.* в ~ости האלטן* עמעצן שטרענג אין די הענט; по всей ~ости зако́на מיט דער פולער הארבקייט פונעם געזעץ; 2. *мн. разг.* הארבע גענג, שטרענגע פאָריאדקעס [פאָראנדקעס]; у них там тепе́рь больши́е ~ости בא זיי דאָרטן איז איצט זייער שטרענג

строево́й[1] בוי־; ~ лес בוי־געהילץ ז

строев‖о́й[2] *воен.* 1.: ~о́й уста́в סטראָי־סטאטוט מ ־ן; ~а́я подгото́вка מושטיר מ; 2.: ~ы́е ча́сти שלאכט־טיילן מצ.

строе́ние *с* 1. *(структура)* בוי מ, סטרוקטור וו; 2. *(здание)* געבײַ ז ־ען

строи́тел‖ь *м прям. и перен.* בויער מ =; *(строительный рабочий)* בוי־ארבעטער מ =; ~и коммуни́зма די בויער פון קאָמוניזם

строи́тель||ный בוי־; ~ные рабо́ты בוי־אַרבעטן מצ.; ~ная те́хника || בוי־טעכניק; ~ство с 1. || בויונג; жили́щное ~ство || (וווינ)הײַזער־בויונג; ~ство коммуни́зма די בויונג פון קאָמוניזם; 2. (объект) בויונג || ־ען

стро́ить несов. 1. בויען; (мосты, дороги, тж.) דורכלייגן, דורכפירן; (машины и т. п.) פּראָדוצירן, *שאַפן; ~ баррика́ды אויפשטעלן [בויען] באַריקאַדעס; 2. перен. בויען; ~ коммуни́зм בויען דעם קאָמוניזם; ~ своё сча́стье בויען דאָס אייגענע גליק; 3. мат. קאָנסטרויִרן; ~ треуго́льник קאָנסטרויִרן אַ דרײַעק; 4. (составлять) בויען, צונויפשטעלן; (организовать) אײַנאָרדענען; ~ фра́зу בויען [צונויפשטעלן] די פראַזע; ~ сюже́т בויען דעם ס(י)וזשעט; ~ рабо́ту рациона́льно אײַנאָרדענען [אָרגאַניזירן] די אַרבעט ראַציאָנעל; 5. (намечать в уме) בויען; ~ пла́ны בויען פּלענער; ~ предположе́ния בויען האַשאָרעס; 6. (основывать на чём-л.) אָרגאַניזירן, אוועקשטעלן; ~ рабо́ту по-но́вому אָרגאַניזירן [אוועקשטעלן] די אַרבעט אויף אַ נײַעם אופן; ~ свои́ отноше́ния с людьми́ на взаи́мном дове́рии בויען די באַציִונגען מיט מענטשן אויף קעגנזײַטיקן צוטרוי; 7. воен. אויסשטעלן, אויסשערענגעווען; ~ ро́ту אויסשטעלן [אויסשערענגעווען] די ראָטע; ~ в шере́нгу אויסשטעלן אין אַ שערענגע; ◇ ~ возду́шные за́мки בויען לופט־שלעסער; ~ ро́жи מאַכן האַווײַעס; ~ из себя́ кого-л. אַרויסשטעלן זיך פאַר עמעצן; ~ из себя́ ва́жную персо́ну אַרויסשטעלן זיך פאַר אַ גאַנצן יאַ־טעבע־דאַם

стро́иться несов. 1. (строить для себя) פירן אייגענע בויונג, בויען פאַר זיך אַ הויז; 2. (воздвигаться) בויען זיך; (о машинах и т. п.) אויסגעאַרבעט, פּראָדוצירט ווערן*; перен. געבויט ווערן*; 3. (намечаться в уме) געבויט ווערן*; стро́ятся предположе́ния ס'ווערן געבויט האַשאָרעס; 4. (основываться на чём-л.) אוועקגעשטעלט ווערן*, אָרגאַניזירט ווערן*; 5. (становиться в строй) אויסשטעלן זיך, (אויס)שערענגעווען זיך

стро||й м 1. (ряд, шеренга) שערענגע || ־ס, רײ || ־ען, רייען מצ.; встать в ~й שטעלן זיך אין די רייען; вы́йти из ~я אַרויסטרעטן* פון די רייען; 2. воен. סטראָי מ; го́ден в ~й טויגעוודיק פאַר דינסט, טויגעוודיק אין סטראָי; верну́ться в ~й אומקערן זיך אין שלאַכט־טייל; 3. (структура) סטרוקטור, || בוי מ; граммати́ческий ~й языка́ דער גראַמאַטישער בוי [די גראַמאַטישע סטרוקטור] פון דער שפּראַך; 4. (система общественного устройства) אָרדענונג ||; социалисти́ческий ~й די סאָציאַליסטישע אָרדענונג; 5. (склад, характер) אַרט מ; ~й мышле́ния דער אַרט דענקען, דענק־אויפן מ; 6. муз. טאָן־שטאַפּל מ, || טאָנאַלקײַט; ◇ ввести́ в ~й אין גאַנג לאָזן*; вступи́ть в ~й אָנהייבן* פונקציאָנירן; вы́вести что-л. из ~я אַ טעל מאַכן פון עפּעס, באַשעדיקן; вы́йти из ~я (о механизмах и т. п.) אויפהערן פונקציאָנירן

стро́йка ж 1. (действие) בויען ז, בויונג ||; 2. (объект) בויונג || ־ען

стро́йн||ость ж 1. (фигуры) שלאַנקײַט ||; (рядов и т. п.) גלײַכקײַט ||, שטרענגקײַט ||; 2. (логичность) אויסגעהאַלטנקײַט ||, שטרענגקײַט ||, קאָנסעקווענטקײַט ||; 3. (звучания) האַרמאָנישקײַט ||; ~ый 1. שלאַנקער; (о фигуре тж.) שטאַלטנע(ר) тж. неизм.; ~ая де́вушка אַ שלאַנק [גראַציעז] מיידל; ~ый то́поль אַ שלאַנקע טאָפּאָליע; 2. (правильно расположенный) גלײַכער, שטרענגער; ~ые ряды́ дере́вьев די גלײַכע שו־רעס ביימער, ביימער־רייען; 3. (логично построенный, последовательный) פאַרגאַנצטער, שטרענגער, אויסגעהאַלטענער; ~ая тео́рия אַ פאַרגאַנצטע [אַ שטרענגע] טעאָריע; ~ая систе́ма доказа́тельств אַן אויסגעהאַלטענע [אַ קאָנסעקווענטע] סיס־טעם דערווײַזן; 4. (о звучании) האַרמאָנישער

строк||а́ ж ־ס || שורע; ◇ чита́ть ме́жду ~ לייענען צווישן די שורות

стро́нций м хим. סטראָנציום מ

строп м 1. (аэростата, парашюта) קאַ־נאַט מ ־ן, טראָס מ ־ן; 2. (петля для захвата груза) שלייף, רונג מ ־ען מ ־ן

стропи́ло с ־ס || קראָקווע; мн. собир. באַלקן מ

строптив||ость ж אייגנוויליקײַט ||, סטירדישקײַט ||; ~ый אייגנוויליקער, סטירדישער

строфа́ ж ־ס || סטראָפע

строчи́ть несов. 1. (на швейной машине) שטעפּן; (что-л.) אָפּשטעפּן; 2. разг. (писать) טינטלען; 3. разг. (о пулемёте) שטעפּן

стро́чка[1] ж || נאָט; (шов) שטעפּנאָט || (מצ. ־נעט); ажу́рная ~ אַזשור־נאָט || (מצ. ־נעט), אַ דורכזיכטיקע נאָט

стро́чка[2] ж (текста) שורע || ־ס

строчн||о́й: ~а́я бу́ква אַ קליינהאַנטיקער אות

строя́щийся זיך־בויענדיקער; אין בוי после сущ.; ~ дом דאָס הויז אין בוי, דאָס זיך־בויענדיקע הויז

стру́жка ж ־ס || סטרושקע

струи́ться несов. 1. שטראָמען; (о ручейке) ריזלען; (о роднике) שפּרודלען, קוועלן; 2. (о свете) פלייצן; (о дыме) ציִען*

стру́йка ж שטראָמעלע ז ־ך; ~ кро́ви אַ שטראָמעלע בלוט

структу́ра ж סטרוקטור ||, בוי מ; ~ по́чвы די סטרוקטור פון באָדן; ~ языка́ די סטרוקטור [דער בוי] פון דער שפּראַך; экономи́ческая ~ о́бщества די עקאָנאָמישע סטרוק־טור פון דער געזעלשאַפט

структу́рн||ый סטרוקטור־, סטרוקטורישער; ~ый ана́лиз סטרוקטור־אַנאַליז מ; ~ые по́чвы с.-х. סטרוקטורישע באָדנס

струна́ ж ־ס || סטרונע

стру́нк||а ж: вы́тянуться в ~у אויסציִען* זיך (ווי אַ סטרונעלע); заде́ть чью-л. сла́бую ~у אָנרירן בײַ עמעצן אַ שוואַך אָרט; ходи́ть по ~е у кого-л. ציטערן פאַר עמעצנס דעך

стру́нный סטרונע־; ~ орке́стр סטרונע־אָרקעסטער מ ־ס; ~ инструме́нт סטרונע־אינסטרומענט מ ־ן

струп м סטרופּ מ ־ן

стру́сить несов. разг. מוירע באַקומען*

стручко́вый שויטן־; ~ горо́х אַרבעס אין שויטן

стручо́к м שויט || ־ן; סטרוטשקע || ־ס разг.

стру||я́ ж שטראָם מ ־ען; (из насоса тж.) שפּריץ מ; (из родника) שפּרודל מ; ~я́ све́жего во́здуха אַ שטראָם פרישע לופט; ~я́ ды́ма אַ זײַל רויך; течь ~ёй פליסן* שטראָמאַרטיק [ווי אַ שטראָם]; ◇ внести́ све́жую ~ю́ אַרײַנברענגען* אַ פרישן שטראָם

стря́пать несов. разг. 1. קעכנעווען; באַקן*; 2. перен. пренебр. באַקן* (ווי בייגל)

стряпня́ ж разг. 1. (действие) קעכנעווען ז; 2. (кушанья) געקעכטס (און געבעקס); 3. перен. מאַכערײַקע || ־ס

стряс||ти́сь *сов. разг.* (זיך) *טרעפן, *געשען; что тут ~ло́сь? וואָס איז דאָ גע-, וואָס האָט זיך דאָ געטראָפן?; с ним ~ла́сь беда́ ס׳איז מיט אים געשען [ס׳האָט אים געטראָפן] אן אומגליק

стря́хивать *несов.*, **стряхну́ть** *сов.* 1. אראָפּטרייסלען, אָפּטרייסלען; ~ снег с ша́пки אראָפּטרייס-[אָפּטרייס]לען דעם שניי פונעם היטל; 2. *перен.* (פון זיך) *אראָפּוואַרפן

студе́нт *м* ן־ ם סטודענט; ~ка *ж* ס־ וו סטודענטן, סטודענטקע וו ס־

студе́нческ||ий סטודענטישער; סטודענטן; ~ие го́ды די סטודענטישע יאָרן; ~ое общежи́тие פאַר די צוזאַמענוווינונג א סטודענטישע צוזאַמענוווינונג; סטודענטן

студе́нчество *с* 1. *собир.* וו סטודענטשאַפט; 2. (*пора*) סטודענטישע יאָרן

студёный *разг.* אײַז־קאַלטער, גליוועורדיקער

сту́день *м* ם גליווער, ם דריל, וו פּעטשאַ

студи́ть *несов. разг.* אָפּקילן; ~ помеще́ние אָנמאַכן א קעלט אין דער געבײַדע

сту́ди||я *ж* 1. ס־ וו סטודיע; учи́ться в бале́тной ~и לערנען זיך אין דער באַלעט־סטודיע; ~я документа́льных фи́льмов א סטודיע פון דאָקומענטאַלע פילמען; телевизио́нная ~я ס־ וו טעלעוויזיע־סטודיע; 2. (*мастерская художника*) אַטעליע ם ־ען

сту́жа *ж разг.* וו קרירע

стук *м* 1. ז געקלאַפּ, וו קלאַפּערײַ, ז וועצן; (*единичный*) ם קלאַפּ, ם האַק; ~ молотко́в די קלאַפּערײַ פון די האַמערס [מיט]; ~ пи́шущих маши́нок די קלאַפּערײַ פון די שרײַבמאַשינקעס; ~ посу́ды דאָס בראַזגען פונעם געשיר; войти́ без ~а אַרײַנגיין* [אַרײַנקומען*] ניט אָנ- קלאַפּנדיק (אין טיר); послы́шался ~ в дверь ס׳האָט זיך דערהערט א קלאַפּ אין דער טיר

сту́кать *несов. разг.* קלאַפּן; (*сильно*) וועצן

сту́кну||ть *сов.* 1. *однокр.* א קלאַפּ טאָן*; (*сильно*) א וועץ טאָן*; ~ть кулако́м по столу́ א וועץ טאָן* מיט דער פויסט אין טיש; кто́-то ти́хо ~л в окно́ עמעצער האָט שטיל א קלאַפּ געטאָן [האָט א שטילן קלאַפּ געטאָן] אין פענצטער; ~ла кали́тка ס׳האָט א קלאַפּ געטאָן די הויף־פּאָרטקע; 2. *разг.*: ему́ ~ло три́дцать пять лет ער איז אַרײַנגעפאָרן אינעם זעקס־און־דרײַסיקסטן יאָר; ~ться *сов. однокр.* (о, обо *вин.*) א קלאַפּ, א וועץ טאָן* זיך (אין) דערלאַנגען זיך (אין) טאָן* זיך (אין)

стул *м* 1. ז בענקל ־עך; ם ־ן וו, שטול; 2. *мед.* ם שטולגאַנג; ◇ сиде́ть ме́жду двух сту́льев זיצן* אף צוויי שטולן

сту́па *ж* שטייסל ז ־עך

ступа́||ть *несов.* 1. (*делать шаги*) טרעטן*; ~ть по доро́жке טרעטן* איבער דער סטעזשקע; 2. (на *вин.*; *опираться при ходьбе*) שטעלן טריט (אַף); ~ть на больну́ю но́гу שטעלן טריט [שטעלן זיך] אַפן קראַנקן פוס; 3.: ~й! גיי דיר! [גיי] אַוועק (פונדאַנען)!; ~йте! גייט אײַך! אַוועק (פונדאַנען)!

ступе́нчатый טרעפּאַרטיקער; מיט טרעפּ(לעך) *после сущ.*; (*о ракете*) שטופנוויַזער, שטופן-

ступе́н||ь *ж* 1. (*лестницы*) ז טרעפּל ־עך, וו טרעפּ =; 2. (*выступ*) ם אַרויסשטאַרץ; 3. *перен.* ם שטאַפּל ־ען, וו שטופע ס־; וו מאַדרייגע ס־; вы́сшая ~ь דער העכ-סטער שטאַפּל, [מאַדרייגע] שטופע; די העכסטע; 4.: ~и раке́ты די שטופעס פון דער ראַקעטע

ступе́нька *ж* 1. ז טרעפּל ־עך; (*у стремянки*) סטאַב-ליע וו ס־; 2. *перен.* ם שטאַפּל ־ען

ступи́ть *сов.* 1. (*шагнуть*) (אַף) א טראַט טאָן*, לאָזן* זיך גיין; 2. (на *вин.*) א שטעל טאָן* זיך; бо́льно ~ на носо́к ס׳טוט וויי א שטעל טאָן* זיך אַף די שפּיץ פינגער; 3. (*войти куда-л.*) (אין) אָנקומען*, (אַף) שטעלן א פוס

ступи́ца *ж* (*колеса*) ז קלעצל ־עך (ראָד־)

сту́пка *ж* ז שטייסל ־עך

ступня́ *ж* ־ן וו פוסזויל, (מצ. פיס) ם פוס

стуч||а́ть *несов.* קלאַפּן; (*о моторе*) טאַראַכקען; ~а́ть в дверь קלאַפּן אין (דער) טיר; он ~и́т зуба́ми от хо́лода סע קלאַפּט אים א צאָן אָן א צאָן פאַר קעלט

стуча́ться *несов.* קלאַפּן; ~ в окно́ קלאַפּן אין פענצ-טער; ◇ ~ в дверь 1) (*обращаться с просьбой*) אָפּ-שלאָגן* די טירן [די שוועלן]; 2) (*приближаться*) שטיין* שוין אַף דער שוועל

стушева́ться *сов. разг.* 1. (*сгладиться*) אָפּגיין*, צע-שווימען ווערן*; (*отступить на задний план*) ווערן* ניט צו באַמערקן; 2. (*оробеть, смутиться*) פאַרלירן* זיך

стыд *м* וו בושע, ם ביזאָיען, וו כאַרפּע; ~ и срам! ס׳איז א בושע מיט א ביזאָיען!; ни ~а́, ни со́вести קיין בושע און קיין ביזאָיען; отбро́сить ~ פאַרגעסן* דעם בי-זאָיען; к ~у́ моему́ ס׳איז מיר א ביזאָיען צו זאָגן

стыди́ть *несов.* מוסערן

стыди́||ться *несов.* שעמען זיך; ~тесь! ווי שעמט איר זיך ניט!

стыдли́в||о *нареч.* שעמעוודיק; ~ость *ж* שעמעוודיקייט וו; ~ый שעמעוודיקער; (*выражающий смущение тж.*) פאַרשעמטער; ~ая де́вушка א שעמעוודיק מיידל; ~ый взгляд א שעמעוודיקער [א פאַרשעמטער] בליק

сты́дно *в знач. сказ. безл.* ס׳איז א ביזאָיען; мне ~ כ׳שעם זיך, ס׳איז מיר א ביזאָיען; как вам не ~! ווי שעמט איר זיך ניט!; ~ так поступа́ть ס׳איז מיעס [ס׳איז א ביזאָיען] אַזוי צו טאָן

стык *м* ם קאָנטאַקט ־ן; (*место*) ז קאָנטאַקט־אָרט; (*линия*) ס־ וו באַריר־ליניע; на ~е *чего-л.* אַף דער גרענעץ צווישן עפּעס; колёса стуча́т на ~ах ре́льсов די רעדער קלאַפּן איבער די שפּאַלטן צווישן די רעלסן־בּרעגעס; откры́тие на ~е нау́к אן אנטדעקונג אין דער גרענעץ־ספערע פון (צוויי) וויסנשאַפטן

стыко́вка *ж косм.* וו צונויפשליסונג

сты́нуть *несов.*, **стыть** *несов.* 1. קאַלט [פאַרקילט] ווערן*; *перен.* אָפּגעקילט ווערן*; 2. (*мёрзнуть*) פרירן*; ◇ кровь сты́нет в жи́лах עס פאַלן אײַן די בלוטן

сты́чка *ж* ם צוזאַמענשטויס ־ן; (*ссора тж.*) ם סיכסעך (מצ. סיכסוכים)

стюарде́сса *ж* וו סטיואַרדעסע ס־

стяг *м* וו פאָן ־ען, וו פאָנע ־ן

стя́гивать *несов. см.* стяну́ть 1—4; ~ся *несов. см.* стяну́ться

стяжа́тель *м* ם האַבון ־עס, ם אײַנרײַסער =; ~ство *с* וו האַבונערײַ

стяжа́ть *сов. и несов.* (*славу, уважение и т. п.*) דער-אָבערן

стяну́ть *сов.* 1. (*затянуть*) *אײַנציִען, *פאַרציִען; ~ по́яс *אײַנציִען [*פאַרציִען] דעם פּאַסיק; 2. (*соединить концы чего-л.*) *באַהעפטן, *צונויפבינדן; 3. (*собрать в одно место*) *צונויפציִען, קאָנצענטרירן; ~ войска́ в го-

род צונויפֿציִען* די מיליטער־טיילן אין דער שטאָט; 4. (*таща, снять*) אַראָפּציִען*, אַראָפּשלעפּן; ~ сапоги́ אַראָפּציִען* [אַראָפּשלעפּן] די שטיוול; 5. *разг.* (*украсть*) צושלעפּן, צולאַקכענען; ~ся *сов.* 1. (*туго затянуться*) אײַנציִען* זיך; 2. (*сомкнуться концами*) צונויפֿציִען* זיך, אײַנציִען* זיך; (*сжаться*) אײַנשרומפּן זיך; 3. (*собраться в одном месте*) קאָנצענטרירן זיך

суббо́т||а *ж* שאַבעס מ (מצ. שאַבאָסים); в ~у ве́чером שאַבעס אַפֿדערנאַכט, שאַבעסצונאַכטס; *см. тж.* воскресе́нье

суббо́тний שאַבעסדיקער, שאַבעס־; ~ ве́чер שאַבעס־אָוונט מ, שאַבעסצונאַכטס מ, שאַבײסענאַכטס

суббо́тник *м* שאַבעסניק מ ־עס; סובאָטניק מ ־עס *разг.*; Всесою́зный Ле́нинский коммунисти́ческий ~ אַלפֿאַרבאַנדישער לעניניִשער קאָמוניסטישער שאַבעסניק

субордина́ция *ж* סובאָרדינאַציע וו

субсиди́ровать *сов. и несов.* סובסידירן

субси́дия *ж* סובסידיע וו ־ס

субста́нция *ж* סובסטאַנץ וו

субстра́т *м* סובסטראַט מ

субтро́п||ики *мн.* סובטראָפּיקעס מצ.; ~и́ческий סובטראָפּישער

субъе́кт *м* 1. סוביעקט מ ־ן; 2. *разг.* פּאַרשוין מ ־ען, סוביעקט מ ־ן; (*подозрительная личность*) טיפּ מ ־ן

субъективи́зм *м* סוביעקטיוויזם מ; (*необъективное отношение*) סוביעקטיוויִשקייט וו; ~ный סוביעקטיווער

сувени́р *м* סווועניר מ ־ן, אָנדענקל ו ־עך

суверените́т *м* סווערעניטעט וו

сувере́нн||ый סווערענער; ~ое госуда́рство א סווערענע מלוכה

сугли́нист||ый ליימיקלעכער; ~ая по́чва א ליימיקלעכער באָדן

сугли́нок *м* ליימיקלעכער באָדן

сугро́б *м* (שניי)הורבע וו ־ס

сугу́б||ый באַזונדערער; уделя́ть ~ое внима́ние לייגן באַזונדער(ס) שטאַרקע אַכט; ~ый интере́с א באַזונדערער אינטערעס

суд *м* 1. גערי׳כט מ ־ן; наро́дный ~ פֿאָלקסגעריכט מ ־ן; вое́нный ~ דער מיליטערישער גערי׳כט; това́рищеский ~ דער כאַווערישער גערי׳כט; Верхо́вный суд СССР דער אויבער־געריכט פֿון פֿססר; встать, ~ идёт! אויפֿשטיין, דער גערי׳כט גייט!; 2. (*судебное разбирательство*) גערי׳כט מ ־ן; גערי׳כט־באַהאַנדלונגען מצ.; פּראָצעס מ ־ן; ~ над вое́нными престу́пниками דער גערי׳כט איבער [דער פּראָצעס פֿון] די קריגס־פֿאַרברעכער; на ~е́ вы́яснились но́вые фа́кты אויפֿן גערי׳כט [בײַ׳ס דער גערי׳כט־באַהאַנדלונג] זײַנען קלאָר געוואָרן נײַע פֿאַקטן; преда́ть ~у́ איבערגעבן* צום גערי׳כט; попа́сть под ~ אונטערפֿאַלן* אונטערן גערי׳כט; быть под ~о́м געמישפּעט ווערן*; 3. (*суждение, оценка*) מישפּעט מ; אורטייל מ; на ~ бу́дущих поколе́ний אויפֿן מישפּעט פֿון די קומענדיקע דורות; ◇ пока́ ~ да де́ло אײדער עפּעס וואָס

суда́к *м* סודעק מ ־עס

суда́н||ец *м* סודאַנער מ =, סודאַן־אײַנוווינער מ =; ~ка *ж* סודאַנערן מ ־ס, סודאַן־אײַנוווינערן וו ־ס; ~ский סודאַנער *неизм.*, סודאַנישער

суде́бн||ый גערי׳כט־, גערי׳כטלעכער; ~ый проце́сс גערי׳כט־פּראָצעס מ ־ן; ~ое определе́ние גערי׳כט־באַשטימונג וו ־ען; ~ые изде́ржки גערי׳כט־הוצאָעס מצ.; ~ая отве́тственность גערי׳כטלעכע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט; ~ая медици́на גערי׳כטלעכע מעדיצין

суде́йск||ий *юр.*, *спорт.* ריכטער־; ~ая колле́гия ריכטער־קאָלעגיע וו; ~ая вы́шка ריכטער־טורעם מ ־ס

суди́мост||ь *ж* געמישפּעטקייט וו; име́ть три ~и זײַן* דרײַ מאָל געמישפּעט; снять с *кого-л.* ~ь אַראָפּנעמען* פֿון עמעצן די געמישפּעטקייט

суди́ть *несов.* 1. מישפּעטן; ~ *кого-л.* за уби́йство מישפּעטן עמעצן פֿאַר באַגיין א מאָרד; ~ *кого-л.* това́рищеским судо́м פֿירן א כאַווערישן גערי׳כט איבער עמעצן; 2. (*о предл.; составлять себе мнение*) אורטיילן (וועגן), מישפּעטן (וועגן); мне тру́дно ~ о досто́инствах кни́ги מיר איז שווער צו אורטיילן [צו מישפּעטן] וועגן די מעלות פֿון אָט דעם בוך; ~ о *ком-л.* по его́ слова́м אורטיילן [שאַפֿן* זיך א מיינונג] וועגן עמעצן לויט זײַנע ווערטער; наско́лько я могу́ ~ וועדליק איך פֿאַרשטיי; не вам ~ меня́ ניט איר האָט דאָס רעכט מיך מישפּעטן; 3. *спорт.*: ~ футбо́льный матч זײַן* דער ריכטער אינעם פֿוטבאָל־מאַטש; ◇ су́дя по *чему-л.* לויט עפּעס, וועדליק עפּעס, אויב מישפּעטן [אורטיילן] לויט עפּעס; су́дя по его́ ви́ду אויב מישפּעטן [אורטיילן] לויט זײַן אויסזען; су́дя по всему́ לויט [נאָך] אַלע סימאָנים; ~ся *несов.* 1. פּראָצעסירן, האָבן* צו טאָן מיטן גערי׳כט; (*с кем-л.*) לאָדן* זיך; 2. (*иметь судимость*) זײַן* געמישפּעט

су́дно[1] *с* (*мн.* суда́) שיף וו ־ן; па́русное ~ זעגלשיף וו ־ן; наливно́е ~ טאַנקער מ ־ס

су́дно[2] *с* (*мн.* су́дна) קראַנקן־קיילע וו ־לים, (או)רינאַל מ ־ן

судове́рфь *ж* שיפֿבוי־ווערף וו ־ן, שיפֿבויערײַ וו ־ען

судовладе́лец *м* שיף־אייגנטימער מ =

судовожде́ние *с* נאַוויגאַציע־קונסט וו, שיפֿערײַ וו

судов||о́й שיף־; ~а́я кома́нда שיף־קאָמאַנדע וו ־ס, שיף־מאַנשאַפֿט וו ־ן

судо́к *м* 1. (*для соуса*) סאָוסמעסטל ו ־עך; 2. (*прибор для специй*) קלײנגעשיר ו ־ן; ~ для хре́на כרײניצע וו ־ס; 3. (*для переноски*) טראָג־געשיר ו ־ן

судомо́йка *ж* געפֿעס־וואַשערן וו ־ס

судопроизво́дство *с* גערי׳כט־פֿירונג וו

судоремо́нтн||ый: ~ая верфь די ווערף פֿאַר שיפֿרעמאָנט

су́дорог||а *ж* קראַמף מ ־ן; *мн. тж.* קאָנוווּלסיע וו; би́ться в ~ах קאָנוווּלסיוו צאַפּלען; лицо́ его́ свело́ ~ой זײַן געזי׳כט האָט זיך קאָנוווּלסיוו פֿאַרקרימט

су́дорожный קאָנוווּלסיווער; (*лихорадочный тж.*) פֿיבערהאַפּטיקער

судострое́ние *с* שיפֿבוי מ, שיפֿבויונג וו

судострои́тель *м* שיפֿבויער מ =; ~ный: ~ная верфь שיפֿבוי־ווערף וו ־ן, שיפֿבויערײַ וו ־ען

судоустро́йство *с* גערי׳כט־אײַנאָרדענונג וו

судохо́д||ность *ж* שיפֿבאַרקייט וו, שיפֿיקייט וו; ~ный שיפֿבאַרער, שיפֿיקער; ~ная река́ א שיפֿבאַרער טײַך; ~ство *с* שיפֿגאַנג מ, שיפֿערײַ וו

судьб||а́ *ж* 1. גורל מ; благодари́ть ~у́ דאַנקען דעם גורל; 2. (*участь*) גורל מ, מזל ו; связа́ть свою́ ~у́ с *кем-л.* פֿאַרבינדן* דעם גורל [דאָס לעבן] מיט עמעצן; такова́ уж его́ ~а́ אַזאַ מזל [אַזאַ מאַראָכע] האָט ער

שוין; 3. обыкн. мн. גויראָלעס מצ.; (будущность) דער ווײַטערדיקער גורל, צוקונפט וו; אָסיד מ уст.; истори́ческие су́дьбы наро́дов די געשיכטלעכע גויראָלעס פון די פעלקער; ◇ ви́дно, не ~а́ нам вме́сте рабо́тать זעט אויס, ס׳איז ניט באשערט אונדז ארבעטן צוזאמען; каки́ми ~а́ми (вы сюда́ попа́ли)? וויארום (קומט איר אהער)?; во́лею суде́б ס׳איז אזוי באשערט געווען

судья́ м ריכטער מ =; наро́дный ~ פאָלקסריכטער מ =; ~ ма́тча מאטש־ריכטער מ =; он мне не ~! ער דארף מיך ניט מישפּטן!

суеве́р||ие с 1. אָבערגלויבן מ ־ס; (поверье, примета) גלייבעכץ ז ־ן, זאבאָבענעס מצ. разг.; 2. (человека) אָבערגלויבערישקייט וו; ~ный אָבערגלויבעריש; ~ный челове́к אָבערגלויבערישער מענטש; ~ные представле́ния אָבערגלויבנס מצ.

суета́ ж 1. שמײַעניש ז, האוועניש ז; 2. (тщетное, пустое) נישטיקייט וו, פּוסטקייט וו; ◇ ~ суе́т העוול־האוואָלים

суети́ться несов. טומלען זיך, ארומהאווען, ארומשמײַען; суечу́сь це́лый день כ׳האווע אום א גאנצן טאָג

суетли́в||ость ж שמײַעוודיקייט וו, אומרויִקייט וו; ~ый שמײַעוודיקער, אומרויִקער; ~ый челове́к אן אומרויִקער פארשוין, א טומלער; ~ые движе́ния אומרויִק־האסטיקע באוועגונגען

сужа́ть(ся) несов. см. су́зить(ся)

сужде́ние с 1. מיינונג וו ־ען; 2. лог. אורטיילונג וו ־ען

суже́ние с 1. (действие) פארשמעלערונג וו; перен. тж. מינערונג וו; 2. (узкое место) פארשמעלערונג וו ־ען, א שמאָלער° פּאס

су́живать(ся) несов. см. су́зить(ся)

су́зить сов. שמעלער מאכן, פארשמעלערן; перен. פארשמעלערן, מינערן; ~ отве́рстие שמעלער מאכן די לאָך; презри́тельно ~ глаза́ פארזשמורען די אויגן פאר ביטל; ~ значе́ние чего-л. פארשמעלערן [מינערן] דעם באטײַט פון עפּעס; ~ся сов. שמעלער ווערן*, געמינערט ווערן*

сук м 1. (זײַט)צווײַג וו ־ן; 2. (в древесине) סוק מ ־עס

су́ка ж צויג וו ־ן

сукно́ с געוואנט ז; ◇ положи́ть под ~ פארצײַען* אין דער לאנגער באנק ארײַן; לאָזן* הענגען

сукова́тый סוקעוואטע(ר) тж. неизм.

суко́нка ж (פּוץ־)געווענטל ז ־עך, טוך ז

суко́нн||ый געוואנט־; (из сукна) געוואנטענער, געווענטענער; ~ая фа́брика געוואנט־פאבריק וו ־ן; ~ое пальто́ געווענטענער מאנטל; ◇ ~ый язы́к א ליימענע [א הילצערנע, א טעמפּע] שפּראך

сулема́ ж хим. סובלימאט מ

сули́||ть несов. 1. разг. (обещать) צוזאָגן; 2. высок. (предвещать) אָנזאָגן, (אף) האָפענונגען געבן*; э́то не ~т ничего́ хоро́шего דאָס זאָגט ניט אָן קיין גוטס, דאָס גיט קנאפּע האָפענונג אף עפּעס גוטס; ◇ ~ть золоты́е го́ры צוזאָגן גילדענע בערג

султа́н[1] м (титул) סולטאן מ ־ען

султа́н[2] м (украшение) פעדער וו ־ס

сульфа́т м хим. סולפאט מ ־ן

сум||а́ ж טאָרבע וו; ◇ ходи́ть с ~о́й גיין* אין די הײַזער

сумасбро́д м מעטורעף מ (מצ. מעטוראָפים), כאָסערדייעניק מ ־עס; ~ка ж כאָסערדייעניצע וו ־ס; ~ный מעטורעפדיקער, אומזיניקער; ~ство с אומזין מ, דאָס (ווילדע) מעשוגאס

сумато́ха ж האוועניש ז; (паника) מעהומע וו

сумбу́р м פלאָנטער מ, מישמאש מ; סומבור מ разг.; ~ность ж פלאָנטערדיקייט וו, צעמישטקייט וו, כאָאָטישקייט וו; ~ный פלאָנטערדיקער, צעמישטער, כאָאָטישער; (о мыслях тж.) מעוווּלבעלער; (полный суматохи) טומלדיקער

су́мречн||ый 1. דעמערדיקער, ביינהאשמאָשעסדיקער; (слабо освещённый) פינצטערלעכער, טונק(ע)לער°; (мрачный) מאָרעשכוירעדיקער; סומנע(ר) тж. неизм.; ~ый час ביינהאשמאָשעסדיקע שאָ; ~ый свет א דעמערדיקע [א ביינהאשמאָשעסדיקע] שײַן; 2.: ~ое состоя́ние мед. דעמער־שלאָף מ, טירוף־האדאס מ

су́мерк||и мн. דעמערונג וו, דעמערצײַט וו, ביינהאשמאָשעס מ; в ~ах אין דעמערצײַט, (אין) ביינהאשמאָשעס

суме́||ть сов. קענען*; он ~л завоева́ть дове́рие ער האָט געקענט [האָט געוווּסט וויאזוי צו] געווינען (דעם) צוטרוי

су́мка ж 1. טאש מ, וו, רענצל ז ־עך; (школьная) ראנעץ מ ־נצן; (для покупок) קוישל ז ־עך; патро́нная ~ פאטראָנטאש מ ־ן; санита́рная ~ סאניטאר־רענצל ז ־עך; ~ почтальо́на פּאָטשטאליאָן־זעקל ז ־עך; 2. см. су́мочка; 3. анат. בײַטל מ ־ען, זעקל ז ־עך; серде́чная ~ הארצבײַטל מ ־ען, הארצזעקל ז ־עך; 4. зоол. בײַטל מ ־ען

су́мм||а ж 1. סומע וו; ~а угло́в треуго́льника די סומע פון די ווינקלען פונעם דרײַעק; в ~е סאכאקל; 2. (количество денег) סומע וו ־ס, באטרעף מ; расхо́ды составля́ют ~у в две ты́сячи рубле́й די הויצאָעס מאכן אויס א סומע [א באטרעף] פון צוויי טויזנט רובל; 3. (общее количество) סכום מ; ~а впечатле́ний דער סכום אײַנדרוקן

сумма́рн||ый סומארער; (обобщённый тж.) קוילעלדיקער; ~ая мо́щность электроста́нций די סומארע מעכטיקייט פון די עלעקטראָסטאנציעס; ~ое описа́ние א סומארע [א קוילעלדיקע] שילדערונג [באשרײַבונג]

сумми́ровать несов. סומירן, פארסאכאקלען; אונטערציִען* דעם סאכאקל (פון)

су́мочка ж רידיקול מ ־ן

су́мрак м טונקל וו, טונקלקייט וו

су́мрачн||о 1. в знач. сказ. безл. טונקל°, פינצטערלעך; (пасмурно) כמורנע, טריב; перен. מאָרעשכוירעדיק; ~ый 1. טונק(ע)לער°, פינצטערלעכער; (пасмурный) כמורנע(ר) тж. неизм., טריבער; 2. перен. מאָרעשכוירעדיקער; (о человеке) פארמאָרעשכוירעטער; (печальный) באטריבטער

су́мчат||ый: ~ые живо́тные בײַטלדיקע באלעכאים, בײַטל־כײַעס מצ.

сумя́тица ж разг. מעהומע וו; פלאָנטער מ

сунду́к м קאסטן מ ־ס, קופערט מ ־ן

су́нуть сов. и однокр. 1. ארײַנשטעקן, ארײַנשטופּן, פארשטעלן; ~ ру́ки в карма́ны ארײַנשטופּן [פארשטעקן] די הענט אין די קעשענעס; 2. (подать небрежно, торопливо) א שטעק טאָן*; ~ кому-л. ру́ку א שטעק טאָן* עמעצן א האנט; 3. см. сова́ть 2; ~ся сов. разг. 1. א שטופּ טאָן* זיך; 2. (приняться за какое-л. дело) אָנהייבן*, א פּרוּוו טאָן*; 3. (вмешаться) א שטופּ טאָן* זיך, ארײַנשטעקן די נאָז

суп *м* ־ן n זופּ; ־ן n סופּ *разг.*

супероблóжка *ж* ־ס ǁ סופּערהילע

суперфосфáт *м хим.* n סופּערפֿאָספֿאַט

сýпесок *м*, **сýпесь** *ж* זאַמדליימיקלעכער באָדן

супов‖óй •זופּ; ~áя миска ־ען ǁ זופּשיסל

супрýг *м* ־ען n מאַן; ~а *ж* ־ען ǁ פֿרוי, ־ער I ווײַב; ~и *мн.* I פּאָרפֿאָלק, מצ. מאַן־און־ווײַב

супрýж‖еский •מאַן־און־ווײַב; ~еская пáра פּאָרפֿאָלק I; ~ество *с* n זיווג; I מאַן־און־ווײַב־לעבן

сургýч *м* n טרײַוואַקס; ~ный •טרײַוואַקס; ~ная печáть ־ען n טרײַוואַקס־שטעמפּל

сурдúнк‖а *ж* ־ס ǁ סורדינקע, ־ס n פֿאַרדומפּער; ◇ под ~у בישטיקע, שטילינקערהייט

сурéпица *ж бот.* 1. *(масличное растение)* פֿעלד־ n ראַפּס, מצ. פֿעלדרײַבן; 2. *(сорняк)* I ווילדקרויט, ־אומ־ I קרויט

сурéпка *ж см.* сурéпица 2.

суро́во *нареч.* שטרענג, האַרב; ~ взглянýть на *кого-л.* אַ קוק טאָן* אויף עמעצן [אָנגעב(א)רויגעזט] שטרענג; ~ наказáть престýпника האַרב [ביז גאָר שטרענג] באַשטראָפֿן דעם פֿאַרברעכער

сурóв‖ый[1] 1. *(строгий, неласковый)* שטרענגער, האַר־ בער; ~ый крúтик אַ (ביז גאָר) שטרענגער קריטיקער; ~ый приговóр אַ האַרבער [אַ ביז גאָר שטרענגער] אור־ טייל; ~ый взгляд אַ שטרענגער [אַן אָנגעב(א)רויגעזטער] בליק; 2. *(трудный, тяжёлый)* שווערער, האַרבער; ~ая действúтельность די האַרבע ווירקלעכקייט; ~ая борьбá אַ האַרטנעקיקער [שווערער] קאַמף; 3. *(неблагоприятный для жизни)* האַרבער; ~ый клúмат אַ האַרבער קלימאַט; ~ая зимá אַ האַרבער [אַ °קאַלטער] ווינטער; ~ый край אַן אומהיימלעכער קאַנט

сурóв‖ый[2] *текст.* °רויער, גראָבער; ~ые нúтки °גראָבע פֿעדעם

сурóк *м зоол.* ־ען n מורמל

суррогáт *м* ־ן n סוראָגאַט, ־ן n ערזאַץ

сурьмá *ж хим.* n אַנטימאָניום

сусáльн‖ый: ~ое зóлото I בלעטלגאָלד, I לעזשגאָלד

сýслик *м* (מצ. ··מײַז) ǁ זיסלמויז, ־עס n סוסליק *разг.*

сустáв *м* ־ען n געלענק; ~нóй: ~нóй ревматúзм גע־ לענק־רעוומאַטיזם n

сýтки *мн.* ־ן n מעסלעס *(с колич. словами мн.* מעס־ לעס*)*

сýтолока *ж* I געדרענג

сýточн‖ый 1. מעסלעסיקער, •מעסלעס; *(получаемый за сутки)* פֿאַר אַ מעסלעס *после сущ.*; ~ое вращéние Землú די מעסלעסיקע אומדרייונג פֿון דער ערד; ~ый план (מצ. ··פּלענער) n מעסלעס־פּלאַן; ~ая вы́работка די אויסאַרבעטונג פֿאַר אַ מעסלעס; 2. *в знач. сущ. мн.* I מעסלעס־געלט

сутýлить *несов.* אײַנהויקערן; ~ся *несов.* אײַנהויקערן זיך

сутýлый (ר)סוטולעוואַטע *тж. неизм.*; *(о человеке тж.)* אײַנגעהויקערטער

сут‖ь *ж* n טאָך, n טאַמציס; ~ь дéла דער טאַמציס [דער טאָך] פֿון דער זאַך; не в э́том ~ь ניט דאָס איז אין טאָך געווען [געוואָרן] דער איקער; ◇ по ~и дéла [געוואָרן] אין טאָך גענומען

суфлёр *м* ־ן n סופֿליאָר; ~ский: ~ская бýдка סופֿ־ ליאָר־בוד(ק)ע ǁ ־ס

суфлúровать *несов.* סופֿלירן

сýффикс *м грам.* ־ן n סופֿיקס

сухáрь *м* 1. ־עס n סוכאַר, ־ער, ־ן n געפּענעץ; גע־ טריקנט ברויט; 2. *перен. разг.* מענטש °אַ טרוקענער; אַ קאַלטער לונג־און־לעבער

сýхо *нареч.* 1. *(сдержанно)* °קאַלט, צוריקגעהאַלטן; ~ поклонúться °קאַלט [צוריקגעהאַלטן] פֿאַרנייגן זיך; 2. *в знач. сказ. безл.* °טרוקן (ס'איז); на дорóге ужé ~ אויפֿן וועג איז שוין טרוקן°; здесь ~ и тепло́ דאָ איז טרוקן° און וואַרעם

суховéй *м* ־ן n טרוקנווינט

сухожúлие *с* ־ן ǁ n, שפּאַן־אָדער n

сух‖óй 1. °טרוקענער; ~úе дрова́ טרוקן° האָלץ; ~áя кóмната אַ טרוקענער° צימער; ~óй клúмат אַ טרוקענער° קלימאַט; ~óй кáшель אַ טרוקענער הוסט; 2. *(пересохший)* פֿאַרטריקנטער, אויסגעטריקנטער; ~óе рýсло דאָס אויסגעטריקנטע טײַכבעט; ~úе лúстья פֿאַרטריקנטע [טרוקענע] בלעטער; ~óй хлеб פֿאַרדאַרט ברויט; 3. *(сушёный)* געטריקנטער; ~óе молокó געטריקנטע מילך, מילך־פּולווער n; ~úе фрýкты געטריקנט אויבס(ט); ~óй бисквúт צוגעטריקנטער ביסקוויט; 4. *(о коже, волосах)* °טרוקענער; 5. *(сухощавый)* דאַרער, °מאָגערער; *(исхудалый)* אויסגעצערטער, אויסגעדייוורטער; 6. *(неласковый)* °טרוקענער, °קאַלטער; ~óй человéк אַ טרוקענער° [אַ קאַלטער°] פֿאַרשוין, אַ קאַלטער לונג־און־לעבער; ~óй тон אַ קאַלטער° [אַ צוריקגעהאַלטענער] טאָן; 7. *(лишённый эмоциональности)* °טרוקענער; ~óй перескáз אַ טרו־ קענע° איבערדערציילונג; ◇ ~óе винó טרוקענער ווײַן; ~óй закóн n אַנטיאַלקאָהאָל־געזעץ, דער «טרוקענער» געזעץ; ~óй лёд טרוקן אײַז; ~óй паёк טרוקענער [קאַל־ טער] ראַציאָן; ~úм путём מיט דער יאַבאָשע; на нём ~óй нúтки нет ער איז דורכגעווייקט, ער איז פּיטש־נאַס אויף דורך און דורך

сухопáрый מאָגערלעכער

сухопýтн‖ый •יאַבאָשע; ~ые войскá יאַבאָשע־מיליטער I; ~ые границы מצ. יאַבאָשע־גרענעצן

сухостóй *м собир.* n טרוקנוואַלד

сухощáвый מאָגערלעכער, דאַרינקער

сучú‖ть *несов.* 1. *(нитки)* צונויפֿדרייען; 2.: ребёнок ~л нóжками דאָס קינד האָט געדריגעט מיט די פֿיסלעך

сучковáтый (ר)סוקעוואַטע *тж. неизм.*

сучóк *м* 1. ־עך I צווײַגל; 2. *(в древесине)* I סוקל ־עך; ◇ без сучкá, без задóринки אָן, אָן אַ שפּרענקעלע אַ מינדסטן פּגם

сýша *ж* ǁ יאַבאָשע

сушён‖ый געטריקנטער; ~ые фрýкты געטריקנט אויבס(ט)

сушúлка *ж* 1. *(аппарат)* n טריקן־אַפּאַראַט; 2. *(помещение)* ־ן ǁ טריקן־קאַמער

сушúльн‖ый •טריקן; ~ая печь ־ס n טריקן־אויוון

сушúть *несов.* 1. טריקענען; ~ бельё טריקענען דאָס גרעט; ~ грибы́ טריקענען שוואָמען; 2. *(делать чрезмерно сухим)* אויסטריקענען, פֿאַרטריקענען; 3. *(мучить)* מאַכן דאַר און קוואַר; 4. *(делать чёрствым кого-л.)* טריקענען עמעצנס האַרץ; ~ся *несов.* טריקענען זיך

сýшка *ж* 1. *(действие)* I טריקענען; 2. *мн.* *(барáнки)* טרוקענע בייגעלעך

сушь *ж* 1. *(засушливая порá)* ǁ טריקעניש; 2. *(сухое место)* אַ טרוקן אָרט; 3. *перен. разг.* טרוקענע סכוירע

существе́нн||ый וועזנטלעכער, מאַמאָשעסדיקער, טאָכיקער; ~ое разли́чие א וועזנטלעכער [א טאָכיקער] אונטערשייד; ~ый недоста́ток א וועזנטלעכער כיסאָרן

существи́тельное *с*: и́мя ~ *грам.* סובסטאַנטיוו מ ־ן

